STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09286

A HOYZ OYFN FELD

Chaim Pett

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים פעט

אַ הויז אויפֿן פּעלד

נאָוועלן

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פֿון „אידישן קעמפּער"
ניו־יאָרק, 1940

Copyright 1940
By Chaim Pett

209

אינהאַלט

אין וועג — — — — — — — 7

ער איז געפאָרן רוען — — — — 85

אַ הויז אויפן פעלד — — — 97

II

אין וועג

קייליעס שטוב לעבן טייך, וואָס אַ סך אידן־בעלנים פון שטעטל האָבן אָנגעקוקט און זיך געדונגען מכח דעם פרייז, האָט גאָר אָפּ־געקויפט אַ איד פון דער פרעמד.

ווער דער איד איז? פון וואַנען? האָט קיינער ניט גע־וואוסט, ביז וואַנען קייליע מיט אירע קינדער זיינען געווען פאַרפּאַקט צו דער ווייטער נסיעה אין אַמעריקע. ערשט דעמאָלט האָט זיך באַ־וויזן דער פרעמדער, רב הלל. אַ איד אין די עלטערע יאָרן, אַ דינער, אַ ביינערדיקער, מיט אַ לאַנגער קאָרטענער קאַפּאָטע. ער האָט דער פאַרוויינטער קייליען געטרייסט: „ווען איך בין ניט אין יאָרן, לאָז איך זיך אויך איבערן ים. — בפרט, אַז איר פירט אַזעלכע יונגע בוימעלאך" — האָט ער אָנגעוויזן אויף די קינדער, וואָס זיינען געזעסן ווי געבונדענע פויגל אין וואָגן...

ווען קייליע איז שוין געזעסן אין פור, האָט רב הלל איר צו־געטראָגן אַ פּעקל, אַרומגענומען מיט נייעם שפּאַגאַט: „אינ'ם ווייטן וועג וועט דאָס אייך צוניץ קומען. איר האָט דאָ נאַליוועקעס, לאַנ־דערין־צוקערקעס. און אַ פלעשעלע יום־כפור טראָפּנס אויף צו שמעקן. אויפן שיף פילט מען זיך אַ פּאָר טעג שוואַך... זעט זיך, למען השם, מיט מיינע קינדער".

— רב הלל! מיט מיין הויז האָט איר זיך ניט גענאַרט; אַלץ איבערגעלאָזן, חוץ וואָס איך פיר מיט...

ווען די פור האָט זיך גערירט, איז הלל געשטאַנען גלייך מיט'ן פּנים צום וואָגן. ער האָט ניט געוואָגט אַריינגיין אין הויז אַזוי לאַנג אַ סימן פון אַ ראָד האָט זיך נאָך געזען...

אַריין אין הויז, האָט ער פאַרמאַכט אַלע הפקרדיק־צועפנטע פענסטער און טירן. ער האָט אויסגעטאָן די קאַפּאָטע. אויף גיך

צעבונדן איין פּאַק. דאָרט איז געלעגן: אַ קישן, אַ רויטע קאָלדרע, אַ קעסטל געצייג, טלית און תפילין, און אַ פּאָר ספרים, — צום אַלעם ערשטן באַדאַרף מען זיך דורכשלאָפן. דער שלאָף וועט ברענגען רו און כוח.

רב הלל האָט זיך געזעצט אויף דעם הוילן בעט, אויסגעטאָן די שיך, דעם קאַשקעט, אַרויפגעטאָן אַ יאַרמעלקע אויפ׳ן קאָפּ. אויסגעקלאַפּט די קישן צוקאָפּנס, איז ער שוין אין אַ ווײַלע אַרום געלעגן אין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן.

אויפגעכאַפּט זיך נאָך אַ פּאָר שעה שלאָפן, האָט ער געהאַלטן אַ ווײַלע די אויגן אָפן און ניט געוואוסט וואו ער איז מגולגל געוואָרן. אָבער ער האָט באַלד אַ שמייכל געטאָן... זיך קלאָר דערמאָנט אַז דאָס איז זיין שטוב...

אַראָפּגעכאַפּט זיך פון בעט, די שיך אַרויפגעטאָן, די יאַרמעלקע אומגעביטן אויפ׳ן קאַשקעט, איז ער אַרויס אין דרויסן ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט און געקוקט מיט זיינע אויסגעשלאָפענע אויגן אויף דער לאָנקע. — ס׳איז אין סאַמע ברען פון זומער. דאָס גראָז איבער די קני. די געלע קווייטן בייגן זיך פון דינע שטיינגלאַך. די טעג וועט ער דאָס גראָז אָפּשניידן. ביז יעסן וועט זיין אַ ווידערוואַקסונג.

אָבער הלל האָט זיך ניט פאַרגונען צעשלאָגן צייט פאַר׳ן בלויזן תענוג. ער איז אַריין צוריק אין שטוב. באַטראַכט די ווענט, די סטעליע, פענסטער און טירן. ער איז אַרויפגעקראָכן אויפ׳ן בוידעם. די זון האָט דורך די צולעכערטע שינדלען אַריינגעשפּריצט ווי קליינע קייקעלעך קוועקזילבער. אויב עס וועט זיין פּאָגאָדנע, וויל ער מאָרגן בעסער פאַרריכטן דעם דאַך. אַ שאָק שינדלען איז איבערגענוג. ער וועט זיך טאַקע שוין אַריבערכאַפּן אין שטעטל און פאַר איין גאַנג איינקויפן נאָך קליינינקייטן. ניין, דעם ערשטן טאָג דאַרף מען ניט לויפן אין שטעטל... די זון איז נאָך אינמיטן הימל, מען קען ביז נאַכט אַ סך אויפטאָן. אַראָפּ פון בוידעם, האָט ער זיך גע־

אין וועג

פּאַרעט אין דעם קעסטל געצייג: אַרויסגענומען אַן אויפגעלייגטן מעסערל, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען זיבן גלאַנציקע, שטאָלענע קלינגלעך. אַרויסגעעפנט איינעם פון די קלינגלאך, געפּרופט אויפ'ן נאָגל פון זיין וויַיז־פינגער, ניט געווען צופרידן... ער האָט דעם קלינגל געשליפט, געצויגן אויף אַ לאַנג שאַרף־שטיינדל. מיט'ן אָפענעם מעסערל איז ער אַרויס פון הויז צו דער בעריאָזע. דאָס ליידיקע פעסל, וואָס איז געלעגן פון וויַיטן, האָט ער צוגעקייקלט און אויפגעשטעלט מיט'ן דעק אַרויף... ער האָט אַריינגעטאָן זיין פּנים צווישן די יונגע, דינע ריטלאך, וואָס האָבן אים אַרומגעכאַפּט, ווי אַ געשטריקטע נעץ. ער האָט געמאַרקירט שניידן די ריטלאך, וואו זיי האָבן געכאַפּט צו געדיכט, די קרומערע...

אַראָפּ פון פעסל, האָט ער די ריטלעך מיט ברייטע צעלאָזענע בלעטלאַך אויפגענומען, צוזאַמענגעשטויסן, און מיט אַ יונגן בויגעוור־דיקן ריטל זיי צוזאַמענגעבונדן. מיט'ן פרישן, שמעקענדיקן בעזים איז ער אַוועק אין הויז. ער האָט געקערט אונטער'ן בעט, אונטער'ן טיש, פון די ווינקלען... דערנאָך האָט ער אויפגעזוכט אַ רידל, און איז אַוועק לעבן טייך; דאָרט איז די ערד געווען פייכט און ווייך ווי קאַשע...

נאָך אַ שפּאַר ביסל צייט האָט ער אויסגעגראָבן אַ גרוב, פיר איילן די ברייט, און איבער זיין גאַרטל די טיף. דאָ אין גרוב וועט ער אַריינוואַרפן דעם שמוץ. דער ווינט זאָל דאָס ניט צעטראָגן. און די ערד וועט דאָס איבעראַרבעטן, ווי אַלץ וואָס די ערד נעמט צו... ער האָט אַוועקגעלייגט דעם רידל אויפ'ן גראָז. פון גראָבן די ערד האָט דער רידל זיך אויסגעשייערט, געבלישצעט, ווי אַ נייער...

הלל איז צוגעגאַנגען צום טייכל, זיך אַראָפּגעבויגן, געוואַשן די הענט, דעם פּנים. אַראָפּגעוואָרפן די שיך און געלאָזן דאָס ווינטל דורכנעמען די באָרוועסע פיס. ער האָט די צעהיצטע פיס אַראָפּ־געלאָזן אין וואַסער, דערפילט די קילקייט, די רו און פרישקייט...

ס'האָבן זיך שוין איבערגעמאָלט אַ היפּש ביסל יאָרן. שוין

חיים פעט

צוויי ווייבער געהאַט,ביידע געשטאָרבן. אַ האַלבן שבט קינדער איבער'ן ים צעפלויגן. אין די יונגע יאָרן האָט ער געברענט אַ וועלט. מען האָט אים גערופן הלל קוועק־זילבער... באַפאַלן גע־וואָרן מיט קליינע קינדער, האָט ער מיט זיינע צען פינגער די פּיס־קאַטע וועלפלאַך געקאָרמעט, געשוכט. אויך תורה געקויפט פאַר זיי... ער איז געווען פאַריאָגט, ניט געהאַט קיין צייט צו דאַגה'ן. אויך ניט געפילט דעם יאָך. די יונגע יאָרן ווידערשטייען האַגל, שטור־רעמס. אָבער די יאָרן קייקלען זיך. די קינדער זיינען איבערגע־וואַקסן טאַטע־מאַמע, אויסגעוואַקסן מיט שטאַרקע אָרעמס, ברייטע פּלייצעס. און ווי אַ שנירל פייגל, האָבן זיי פאַרלאָזן די היים... איבערגעלאָזן טאַטע־מאַמע עלענדע, אויסגע'חלומ'טע, אויסגעמאַ־טערטע... די מאַמע שיינדל איז איינגעגאַנגען. עס האָט ניט געהאָלפן זיין טרייסטן... אַז ער אַליין איז איבערגעבראָכן אין האַלב. איין העלפט זיינע איז אַוועק מיט די קינדער איבער'ן ים. און די צווייטע העלפט האָט זיך דאָ אַרומגעוויגט אין דער אַלטער היים, וואו ער קומט זיך זען אַלע תשעה־באב מיט דער מצבה פון זיין עלטער־זיידן זכריה. אַ איד וואָס איז געווען זאַט אין טעג און אין יאָרן. —

הלל האָט זיך אויפגעהויבן געוואָלט איבעררייסן דעם שטראָם דערמאָנונגען. ער האָט זיך פאַרנומען צום הויז, וואָס איז אים שוין געווען אַביסל באַקאַנט. ער האָט צוויי מאָל אָנגעקוקט דאָס הויז איידער ער האָט עס געקויפט. אָבער ווען קייליע מיט אירע קינדער האָבן זיך געפונען דאָ האָט ער ניט געקענט שטופן די נאָז אין אַלע ווינקעלאַך...

ער איז אַרומגעגאַנגען עטלאַכע מאָל אַרום הויז, געמאָסטן וויפל שפּאַן איז די ברייט, וויפל די לייַנג. די הויך איז איבער־גענוג. דאָס הויז האָט אַן אויבער־שטיבל און אַ סיאַלקע. אָבער שיין, פריי, אָפן... און דער פלאַץ פאַרנעמט דאָס אויג: לאָנקע, בוי־מער, דאָס טייכל. אמת, דאָס הויז איז אָפּגעלאָזן... ניט קיין וואונ־דער: אַ פרוי, מיט קליינע קינדער האָבן עס באַוואוינט אָבער מיט

אין וועג

דער צייט וועט דאָס הויז און דער פּלאַץ קריגן אַן אַנדער פּנים.. זיינע הענט זיינען נאָך ניט אין קוואַס !...

ער האָט באַקוקט די שמאָלע סטעזשקע, וואָס האָט זיך געצויגן פון הויז צום טייכל. ער וועט פון דער סטעזשקע מאַכן אַן אויס־געלייגטן וועג. ווען ס׳איז פּאַגאָדע איז נאָך צו דערליידן — די גראָזן שלאָגן אין פּנים. דאָס שטעגל לויפט באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ. און אין די גריבער דרייט מען אויס די פיס. אין די קומענדיקע טעג מוז ער זיך נעמען צום וועג. דערוויל איז שוין צייט אונטער־לענען דאָס האַרץ. ס׳איז גוט, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט סוכאַרעס, נאַליוועקעס, האָניק, געטריקנטע קעז.

ער וויל ניט אַריינפאַלן גלייך אין שטעטל. מיט פרעמדע מענטשן דאַרף מען זיין אָפּגעהיט...

ער איז אַריין אין פירהויז, אַרויסגעקאַטשעט דאָס פעסל, אין וועלכן ס׳איז געווען אויפ׳ן דעק ביי אַ האַלבן עמער וואַסער; מיט די הוילע הענט געשייערט די קליעפּקעס, דאָס דעקל. דאָס וואַסער אויסגעגאָסן. דערנאָך איז ער מיט׳ן ליידיקן עמער אַוועק צום טייכל, אָנגעשעפּט פול ביז די ברעגן און געטראָגן צום הויז. אַ האַלבן עמער אַריינגעגאָסן אינ׳ם פעסל, געקאָלאַטשעט און נאָכאַמאָל אויסגעגאָסן. דאָס ליידיקע פעסל געלאָזן שטיין, עס זאָל זיך טריי־קענען פון זון און ווינט. און פון דעם איבעריקן וואַסער אין עמער האָט ער געוואַשן די הענט, דאָס פּנים; אויך מיטגענומען אין דער קופּערנער קוואָרט וואַסער אין שטוב אַריין. —

ער האָט זיך געזעצט ביים אָפּגעדעקטן טיש. געערוט אַ ווײַלע מיט דרך־ארץ, ווי ביי אַ פרעמדן טיש. דערנאָך זיך אויפגעהויבן, געזוכט אין זיינע פּעק, אַרויסגעצויגן אַ קלאָר טישטוך. דאָס טישטוך פאַרשפּרייט, צוגעדעקט דעם וואַכעדיקן נאַקעטן טיש; אַוועקגע־שטעלט די קוואָרט וואַסער, אַרויסגענומען עטלאַכע סוכאַרעס, זיי געווייקט אין וואַסער, געמאַכט אַ ברכה און געגעסן. ניט געגעסן ווי אַ הונגעריקער, נאָר ווי אַ בנימוסדיקער אורח אין אַ פרעמדער היים...

חיים פּעט

דערנאָך האָט ער אויפגעראַמט פון טיש די ברעקלעך. עס וועט זיין גוט פאַר די פייגעלאַך אין דרויסן. אמת טאַקע, גאָט זאָרגט פאַר די קליינע פליגלדיקע באַשעפענישן... אָבער דער מענטש דאַרף אויך צוהעלפן. דער מענטש איז אַ שותף צו גאָט... ער האָט געבענטשט אין דער שטיל און מיט כונה אָפּגעבענטשט, איז ער צוגעגאַנגען צום בעט, פאַרשפּרייט אַ ריין ליילאַך; איבערגעצויגן דאָס רויטע איינשיט פון קישן מיט אַ ווייס ציכל. פאַרטיק געמאַכט דאָס געלעגער, האָט ער זיך פאַרקוקט אין פענסטער, וואו די זון איז שוין געשטאַנען אין הימל אַ געניִדערטע צו מערב. — שוין צייט צו דאַווענען מנחה! ער האָט געמאַכט אַ סמן וואו ס'איז מזרח; טאָמער קומען רעגנדיקע טעג און די זון באַווייזט זיך ניט...

ער איז געווען צופרידן, וואָס ער איז וואַך. זיך געוואָלט איינגעוואוינען, אים זאָל מער ניט זיין פרעמד דאָס געלעגער...

אַלע פענסטער פון הויז האָבן זיך אָנגעטרונקען מיט נאַכט. אים האָט זיך געדוכט: אַלע ביימער פון זיין לאָנקע האָבן זיך אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען און זיי האָבן געלאַגערט אַרום די פענצטער. נאָר דאָס געגרילערײַ, דאָס קראַקען פון די זשאַבעס און די פּוסטע בליצן, וואָס האָבן געוויזן אויף אַ לויטערן הייסן טאָג, האָבן הלל'ן פריילאַכער געמאַכט...

ער האָט איבערגעקערט דאָס קישן. אַ פרישקייט; אַ קילקייט האָט אַרומגעכאַפּט זיין הייסן קאָפּ. אַ נאַרעשקייט, וואָס ער האָט בייטאָג געכאַפּט אַ דרעמל...

אויפגעכאַפּט זיך אַ שטיק אין טאָג. אַלע פענצטער האָבן געבאָדן דאָס הויז אין ליכט. ער האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט פון בעט, זיך געשטראָפט: אַלע מאָל געווען ווי אַ זייגער אויף דער מינוט. ער איז נאָך ווי אויף אַן אינזל. ניטאָ זיך וואָס צו איילן. דער זומער איז גרויס. אין די גרויסע ליכטיקע טעג קען מען איבערקערן וועלטן. מען דאַרף נאָר אָנגיין מיט אַ טאָלק... היינטיקן טאָג וועט ער בלייבן אין הויז. — געעפנט דעם גרויסן אַלמער און פאַר אַ

אין וועג

ווײַלע געבליבן פֿאַרוואונדערט... אויף דער אונטערשטער פּאָליצע זײַנען געשטאַנען עטלאַכע לאָמפּן מיט אַרײַנגעצויגענע קנויטן, טעפּ און פֿענדלאַך. אויף דער צווייטער פּאָליצע: סערפּן, שטריק, מכשירים פֿאַר גערטנערײַ. געבענשט זאָל זי זײַן! אַ בעל־הבית׳טע, די קײליע!...

גאָר אויף דער הויכער פּאָליצע זײַנען אין זעקלאַך געווען פֿאַרשיידענע שפּײַזן: מעל, גערשטן, גרויפּנס אַלערלײ. אַ קלוגע אידענע! די שפּײַזן האָט זי אַרויפֿגעשטעלט אויף דער אויבערשטער פּאָליצע, מײַז זאָלן זיך ניט אָנפּלאָדיען...

עס דערמאָנט אים: בײַנאַכט האָט ער געהערט מיאוקנדיק אַ קאַץ... זי בענקט אודאי נאָך קײליען מיט די קינדער...

דאָס קרײען פֿון אַ האָן האָט אים איבערגעריסן זײַנע געדאַנקען. ער איז נאָכגעגאַנגען נאָכ׳ן קול, זיך אָנגעשלאָגן אָן טירל פֿונ׳ם קאָטוך און עס אָן עפּן געטאָן. אַ צענדליק הינער האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן, צעלאָפֿן מיט אַ סאַקאָטשען... און דער האָן איז געשפּרונגען איבער׳ן טיש, געוועגן גרייט צו ברעכן שויבן, — הונגעריק, נעבאַך?... ווער האָט געוואוסט? קײליע האָט אים ניט געגאָרט...

ער האָט גערופֿן די הינער אין דרויסן, געזייט דעם גערשטן שיטער, זיי זאָלן זיך ניט אויפּקוטשקען און שלאָגן. זיי האָבן געקליבן גיך די קערנער, זיך איבערגערעדט אויף זייער הינערשן לשון...

דערנאָך האָט ער אַרויסגעטראָגן אין אַ ערדענער שיסל וואַסער. די ערשטע פֿאַר טרונקען האָט דער האָן פֿאַרכאַפּט. ער האָט אַרײַנגעטאָן דעם שנאָבל אין דער שיסל וואַסער און פֿאַרוואָרפֿן זײַן שײנעם קאָפּ מיט׳ן פֿײַערדיקן קאַם. הלל האָט געזען ווי דורך דעם האָנ׳ס האַלז האָט דאָס וואַסער דורכגערונען. עס האָט אים געמאַכט צום שמײכלען...

דערנאָך זײַנען הכנעהדיק, מיט מורא, צוגעטראָטן די הינער צו דער שיסל. זיי האָבן געהויבן די קעפּלאַך מיט פֿאַרמאַכטע אויגן...

זיי אָנגעקאָרמעט, אָנגעפּאָיעט, דאַרף מען זיך ווידער נעמען

חיים פּעט

צו דער עבודה... ער איז אַרויפגעקראָכן אויפ'ן בוידעם, באַטראַכט די דורכגעלעכערטע שינדלען... ער מוז נאָך היינט פאַרריכטן דעם דאַך! ס'איז גוט קאָנטיק די געלע פליאַמעס אויפ'ן סטעליע... ער זאָל נאָר פאַרטיק ווערן מיט'ן דאַך; וויל ער אויסקאַלכן די סטע־ליע, די ווענט. ווער רעדט, אַז גאָט זאָל באַשערן שיינע טעג...

ער איז אַראָפּ פון בוידעם, זיך געבאָברעט אין קעסטל געצייגן, אַרויסגענומען אַ קליינע שאַרפע האַק. אַוועק צום בוים, וואָס ער האָט נאָך נעכטן באַמערקט, אַז ער איז צעטריקנט, הויל, אָן בלעטער. ער האָט עטלאָכע שטאַרקע קלעפּ געגעבן מיט דער שאַרפער זייט פון דער האַק. לעבן זיינע פיס האָט ער באַלד דערזען עטלאָכע טרוקענע צווייגן. ער האָט די צווייגן צעשפּאָלטן אויף קליינע גלייכע העלצלאַך, זיי צוזאַמענגעבונדן און מיט'ן בינטל צוריק אַרויף אויפ'ן בוידעם. אויף דעם צווייענדיקן לייטערל האָט ער, ווי אַ ליכטל, אַריינ־געשטעקט אַ העלצל. — דאָס וועט אים ווייזן אויפ'ן דאַך — וואו ס'איז בראַקאָווגע...

אַראָפּ פון בוידעם איינגעפּאַרעט. ער האָט אַרויסגענומען אַ ריינעם האַנטוך, געווישט דעם שטערן, דעם האַלז, געפּאַכט אויף זיך. זיך צוגעזעצט אויפ'ן שוועל. — פון וויטן, דורך דעם גראָז, האָט אויף אים געקוקט אַ גרויע קאַץ, מיט ווילדקייט און פּחד... הלל איז אַריין אין הויז, אָפּגעבראָכן אַ שטיקל קעז. די קאַץ האָט דעם קעז דערשמעקט, געבליבן שטיין אויף צוויי פיסלאַך. ער האָט אַראָפּגעלאָזן דאָס שטיקל קעז, אָפּגעטראָטן אַהינטער. — די חיה וועט זיך צוגעוואוינען... זי האָט געקייט דאָס שטיקל קעז מיט אירע שפּיציקע ציינער. די שטיקלאַך קעז, וואָס זיינען אַרויסגעפאַלן פון איר מויל, האָט זי אויפגעכאַפּט מיט'ן ראָזן צינגל.

מען קען זיך זאַט ניט אָנקוקן אויף די שטומע באַשעפענישן... אַ געהיימע שפּראַך פאַרמאָגן זיי, ווען זיי קוקן אויף אייך... — לויט קייליעס פאַרזיכערונגען, געפינען זיך דאָ נאָך לעבעדיקע ברואים... — און ער איז אַוועק צום שטאַל, ברייט געעפנט די זאַסטאַווועס:

אין וועג

טוכלעקייט, פּאַרע און טונקלקייט האָט אויף אים אַ שלאָג געטאָן. אַ ווײַלע האָט ער גאָרניט געזען. מיט אַמאָל האָט זיך עפּעס אַ ווײַס געטאָן, און אַ הונגעריק מעקן האָט דורכגענומען דעם שטאָל. אַ ווײַסע ציג האָט זיך אויפגעשטעלט אויף אירע פיר דינע פיס. הלל האָט אָפּגעטשעפּעט דעם שטריק פון דער וואַנט, צוגעלייגט זיין פּנים צו איר פּנים — געגעדעט צו איר, געגלעט ביים האַלז, די הערנער. ער האָט זי אַרויסגעפירט נאָענט צום טייך, וואו דאָס גראָז איז הויך, גרין און פייכט. דעם שטריק צוגעבונדן צו אַ בוים...

אויפ'ן צווייטן זייט טייכל איז געזעסן אַ אינגל, באָרוועס, מיט אַן אודע אין האַנט. ער האָט זיך אויפגעהויבן. גרייט געווען צו אַנטרינען... הלל האָט אים צוגעלאַשצעט מיט'ן פינגער...

— ווי רופט מען דיך, אינגעלע?

— שלום!

— שלום אויף דיין קעפּעלע. ווי הייסט דיין טאַטע?

— מרדכי! — האָט יענער שוין זיכערער געענטפערט.

— און דיין מאַמע?

— בתיה!

— וואָס טוט דיין טאַטע?

— ער מאַכט שיך! — ער איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט ניט געזאָגט אַז דער טאַטע איז אַ שוסטער...

— ווילסט מיך פאָלגן אַ גאַנג, אינגעלע?

שלום'ל האָט אַרויסגעצויגן די ווענטקע פון טייך...

— ווייסטו, שלום'ל, ווער עס פאַרקויפט דאָ שינדלען אין שטעטל?

— אודאי! זרח דער שינדל־מאַכער.

— גוט! כאַפּ זיך אַריבער צו זרח'ן, זאָל ער מיר ברענגען אַ שאָק שינדלען. אייל זיך ניט! לויף ניט! — הלל האָט אַרויסגענומען אַ קופּערנעם זעקסער. דאָס אינגל האָט אויפגעכאַפּט דעם זעקסער אין זיין פּלי... — צווישן לעבעדיקע מענטשן ווערט מען ניט פאַרפאַלן...

חיים פעט

איצט איז די רעכטע צייט דורכצומעסטן דאָס פעלד. ער איז געגאַנגען האַרט ביים הילצערנעם צאַם, וואָס האָט אָפּגעטיילט זיין פלאַץ. געלאָזן אַ סימן, וואו ער האָט געמאַכט דעם ערשטן שפּאַן. זיך געסטאַרעט אַז יעדער טראָט זאָל זיין גלייך מיט׳ן ערשטן. אויך האָט ער געציילט זיינע שפּאַנען, און באַטראַכט פּאַר איין וועג די שפּי־ציקע ברעטער פון צאַם. אייניקע ברעטער האָבן זיך געשאָקלט, פיל האָבן געפעלט. אויך איבערגעבראָכענע און צופוילטע. עס וועט זיין אַ היפּש ביסל צו טאָן, אַרומזען דעם צאַם פון אַזאַ שטח... ס׳איז נויטיק דעם צאַם צו פאַרריכטן: חזירים זאָלן זיך ניט פאַרפּלאָ־דיען. אויך, זאָלן זיי מאַריך ימים זיין, ווילדע אינגלאַך...

ער האָט שוין אָפּגעציילט פיר הונדערט שפּאַן און ער איז נאָך ווייט פון סימן... פון זיין טרעטן אין די ווילדע, הויכע גראָזן, האָבן זיך אויפגעכאַפּט מאַטילטשעקעס און אַוועקגעשוועבט. לייכטע, פלאַ־טערנדיקע מיט זייערע אויסגעשפּרייטע מעליקע פליגעלאַך. אויך גזלנים שפינען האָבן אין דער נידער פון די גראָזן, מיט זייער פיל־פיסיקייט, זיך אַוועקגעכאַפּט פון זייער לויערן. בלויע פערדלאַך מיט דורכזיכטיקע פליגל, ווי פון דינעם גלאָז האָבן זיך געטראָגן נאָענט לעבן טייך, בינען האָבן געזונגען אין זייער פלי. איבער אַלע קווייטן האָבן זיי גענידערט, געקוליעט אין די בעכערלאַך. בלויע לאַסטעווקעס ווי פון סאַמעט, מיט ווייסע בייכלאַך האָבן געשניטן הויך און נידעריק אי־בער׳ן פעלד, מיט אַן אומעטיקן פּישצען, ווי זיי וואָלטן טענות געהאַט צום פרעמדן אידן, וואָס האָט זיך דאָ פּלוצים באַוויזן... די לאַסטעוו־קעס האָבן הלל׳ן ניט געדירט...

אָט די קליינע פויגל! זיי האָבן געהאָלפן חרוב מאַכן דאָס בית־המקדש. זיי האָבן צעטראָגן פייער אין זייערע פּיסקלאַך. — אָבער פון די שלעכטע קען מען אויך אָפּלערנען אַ סך גוטס... — דאָס פליען זיי איצט מחנות־ווייז איבער׳ן פעלד. זיי טראָגן וואַסער, ערד, אין זייערע פּיסקלאַך. זיי קלעפּן אויס נעסטן אונטער׳ן דאַך פון זיין הויז. אונטער׳ן דאַך זיינען זיי באַשיצט פון זון, פון רעגן און פון אַ חיה...

אין וועג

די זון איז שוין ווידער אַוועק צו מערב. נאָך אַ שעה וועט זיך אַלץ איינוויקלען אין נאַכט, שלאָף און רו. —

די פּאָר טעג וואָס ער האָט זיך דאָ באַזעצט איז ווי אַ שטיק אייביקייט...

שוין איבער פיר הונדערט טריט האָט ער אָפּגעציילט און ער איז נאָך ווייט פון סימן, וואָס ער האָט אָנגעצייכנט... ער וויל נאָך היינט אויסמעסטן די ברייט פון פעלד. אויך פאַרטרייבן די הינער אין קאַטוך. די ציג אַריינעמען אין שטאַל און איר אויסמעלקן. ער דערקאָנט נאָך איר אומעטיקן מעקן, אַז אין איר אייטער שפּאַרט די מילך... — וועגן דער קאַץ דאַרף ער זיך ניט זאָרגן. זי קלייבט זיך אויס אַליין איר נאַכטלעגער... ס'איז אַ שאָד, וואָס ער ווייס ניט איר נאָמען... ווען ער שעמט זיך ניט, פרעגט ער אָן קייליען...

ער וועט איר אַ נאָמען געבן די בת־יחידקה...

ער האָט געשמייכלט פון זיין איינפאַל... — געקומען צום סימן, גערוט אַ ווילע...

דער פאַרנאַכט איז אָנגעשוואומען פון אַלע ברעגן, פון אַלע בוימער האָבן שאָטנס געפויזעט אויף די הויכע גראָזן. די זון האָט זיך געראַנגלט ביים בלויען וואַלד. —

— נו קום, חד־גדיא! — הלל האָט אָפּגעטשעפּעט דעם שטריק פון בוים. אַריינגעפירט די ציג אין שטאַל, איז ער אַוועק אין שטוב. געפונען די ריכטיקע כלי: אַ דאָניצקע אַן אויסגעבריטע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די קאָקישקעס. מיט דעם ביסל וואַסער, וואָס ער האָט אַריינגעגאָסן אין דער דאָניצע, האָט ער גענעצט די פינגער, באַפייכט די ראָזע, שטייפע פּלעשלאַך, וואָס זיינען געשטאַנען קרומלאַך פון צופיל מילך אין זיי...

אויסגעמאָלקן די ציג, זיך פאַרוואונדערט: קיין עין־הרע, ווי־פיל מילך! ס'איז דערפאַר ווייל זי איז יונג. די פּאַשע איז הויך. און זי שטאַמט פון אַ גוטן מין...

ער האָט פאַרזוכט די מילך — זיס ווי פּאַטיקע און פעט. —

חיים פעט

נו, שלאָף, חד־גדיא! ער האָט פאַרמאַכט די טויערן פון שטאַל.

אויך די הינער זיינען שוין געזעסן אויפגעקוטשקעטע, אַריינ־גענומען די פיסלאך אונטער די בייכלאך. נאָר דער האָן איז נאָך געשטאַנען אויף זיינע שטאָלצע פיס. אין זיינע כעס׳יקע אויגן האָט זיך אָפגעשפיגלט דער זון־פאַרגאַנג.

פאַרטריבן די הינער אין קאַטוך, איז שוין אין הויז געוואָרן טונקל. הלל האָט פון זיינע געפעק אַרויסגענומען אַ ליכט. אויך אַ לייכטערל. ער האָט פאַרשטאַנען: אַ אידישע פרוי וועט איבערלאָזן ספרים, געצייג. אָבער ניט קיין בעטגעוואַנט און לייכטער...

פון לייכטן ווינטל האָט דאָס פייערל זיך געשאָקלט, דאָס ליכט געשמעלצט. און אַרום פייערל האָבן מאָטילן, פליגן הוליאַקעס, זיך געדרייט שכור׳ע אין קאַדרילן...

די מילך מיט ברויט, וואָס הלל האָט איצט געגעסן, איז געווען זיס צו זיין גומען און אַ קוויקונג צו זיין האַרץ. דאָס עסן האָט דעם טעם ווי דער מן אין מדבר, וואָס די אידן האָבן געגעסן פערציג יאָר...

דאָס ליכט האָט ער ניט אויסגעלאָשן, עס זאָל ניט בלייבן אַ רויך, נאָר פאַרקוועטשט מיט די פינגער דעם קנויט... אַליין אין הויז אויפ׳ן פעלד ביינאַכט, איז מען אָן פייער זיכערער...

אין בעט האָט ער געפילט, ווי ער וואָלט געשוואומען אויף אַ בלוי שטיל וואַסער. שוין ניט קיין אינגעלע! מען מוז גיין רוען אין צייט. בפרט מאָרגן איז ווידער ביי גאָט אַ טאָג. מאָרגן וועט ער די אַרבעט אַ יאָג טאָן. מען דאַרף זיך אויף אַ מינוט ניט אָפלאָזן...

אָבער די שטילקייט, די רו, דער זיין מיט זיך אַליין האָבן אים געמאַכט צו טראַכטן. פון זיינע אַוועקגעקומענע יאָרן. אָפגעטומלט זיך. געראַשט. געפאָרן איבער ווייטע וועגן. גענעכטיקט אין קרעטשמעס, אין פרעמדע הייזער. ניט געהאַט קיין צייט לערנען מיט אַן אייגן קינד. זיך אַ שפיל צו טאָן, ווען זיי זיינען געווען קליין. ווען אַליין איז מען געווען יונג, הייס, פול מיט געזאַנגען, ווי אַ שפיל־קאַסטן... —

אין וועג

אויך אויף געדאַנקען דאַרף מען זיין אַליין דער בעל־הבית... ער האָט געזאָגט צו זיך: שלאָף, הלל! דאָס זאָגן צו זיך אַליין „שלאָף" האָט אים צוצערטלט ווי אַ קינד...

אויפגעשטאַנען איז ער, ווען דער מאָרגן־שטערן האָט נאָך געציטערט אין די בלייכע הימלען. אַ האָרן פון אַ פּאַסטוך האָט געשפּילט, געטריבן די קי אויף פּאַזשראַנקעס. דער טוי האָט נאַס געמאַכט הלל'ס שיך, אָפּגעווישט פון זיי דעם שטויב. פון טייך איז אויפגעגאַנגען אַ דינער נעבל. ווי אַ לייכטער וואָאַל האָט זיך געהויבן צו אַנטפּלעקן די קלאָרע, פרישע וואַסערן. אין דער פרימאָרגנדיקער שטילקייט האָט ער געהערט ווי פיש האָבן אַרויסגעטאַנצט פון וואַסער. דאָס פּליוסקען פון וואַסער, האָט אָפּגעקלונגען געהיים... דער ריינער הימל האָט אָנגעזאָגט אויף אַ שיינעם טאָג. ווען די ערשטע קרויז־שטראַלן פון דער זון, ווי גליהיקע קינזשאַלן, האָבן דורכגעשניטן דעם ראַנד הימל; איז שוין הלל געווען פאַרנומען מיטן מעסטן די ברייט פון זיין פעלד. ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ קליינעם גאָרטן, וואָס איז געלעגן איינגעפּאַסט צווישן הויכע גראָזן. זעקס קורצע בייטן, פאַרשוואומענע מיט ווילד־גראָז. ער האָט ניט געקענט געבוי דערגיין וואָס עס וואַקסט אויף די בייטן. ס'איז נאָך ניט שפּעט אָפּצוראַטעווען דעם גאָרטן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני און מיטביידע הענט פאָרזיכטיק געיעט דאָס ווילד־גראָז. זיך געהיט ניט אַרויסצורייסן אָן אוגערקע־פלאַנץ, אַ ציבעלע און אַ מערן. דאָס ווילד־גראָז פולע הויפנס האָט ער אַראָפּגעוואָרפן אין די ראזארעס, איינגעטראָטן, זיי זאָלן ניט ווידער־וואַקסן...

אויך די זון האָט זיי געהאָלפן פאַרניכטן.. זיי האָבן גיך געוויאַנעט. זייערע גראָבע, פּראָסטע וואָרצלען, האָבן געטריקנט...

אָפּגערייניקט אַ האַלבן בייט, האָט זיך הלל אויפגעהויבן, אויסגעגלייכט דעם רוקן. אויך די קני האָבן אים געבראָכן...

די ערד איז רייך אין שפּייזן... אָבער מען דאַרף פון איר ציען

חיים פעט

מיטן שווייס פון פּנים. ווי דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט איז געבענטשט געוואָרן...

דער אויסגעיעטעטער האָלבער בייט האָט אויסגעקוקט ווי אַן אָפּגעשאָרענע שעפּס. די איידעלע פּלאַנצן האָבן געציטערט ווי אַנטוואָפנטע... הלל האָט די פּלאַנצן אַרומגעשאָטן, זיי איינגעפּעסטיקט. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט ער דעם גאָרטן ניט דערקאָנען... אָפּגעריניקט איין בייט, איז ער אַוועק צום טייך. פולע הויפּנס וואַסער געשעפּט. — מים חיים! אַלץ לעבט איינס פון אַנדערן...

די קילע וואַסערן זיינען געגאַנגען איין וועג, געפירט פון גאָט'ס האַנט. אויך די וואַסערן מורמלען אויף זייער שפּראַך. זיי שווינקען די צעריסענע ברעגן און שטעלן זיך ניט אָפּ אין זייער גאַנג...

די זון איז שוין געשטאַנען אינמיטן הימל. דעם צווייטן האַלבן טאָג וועט אַוועקגיין גיכער די אַרבעט. עס האָבן זיך צעבלאָזן קילע ווינטן. ער האָט געקראָגן געניטקייט אין די פינגער. אמת, טאַקע, די פּלייצע ברעכט אים און די קני. אָבער דאָס בעט וועט איבער נאַכט אַרויסציען די ווייטאָגן...

ביים פינפטן בייט האָט ער געזען באַשיינפערלאַך, אַז היינט נאָך איז ער פאַרטיק מיטן יעטן. פינף בייטן זיינען געלעגן אויסגערייניקטע, אויפגעדעקטע. און הלל האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום זעקסטן פאַרשוואַומענעם בייט. ער האָט שוין געצופּט דאָס ווילדגראָז מיט טעמפּע פינגער. אויך זיין געדולד איז שוין געווען אָנגעשפּאַנט...

דער פאַרנאַכט האָט זיך פאַרשפּרייט. אַ ליכטיקע טונקלקייט האָט געהויערט. — פאַרטיק געוואָרן מיטן גאָרטן! איצט וועט ער האָבן אייגענע אוגערקעס, ציבעלקעס, רעטאַך און מערן.

ער וויל ניט קלערן, וואָס ער וועט מאָרגן אויפטאָן. צופיל הנאה געהאַט פון היינטיקן טאָג... ער לייגט זיך שלאָפן מיט אַ רואיק געוויסן. דאָס הויז, דאָס בעט איז אים געוואָרן אייגן ליב. יעדער ווינקל רעדט צו אים...

אין וועג

אויפגעכאַפּט, האָט הלל זיך פאַרגונען ליגן אַ ווײַלע אין בעט. פאַרריכטן דעם דאַך — קוים אַ האַלבער טאָג אַרבעט; ער האָט זיך געפרייט מיט'ן ערב־שבת. זיך אַראָפּגעכאַפּט פון בעט, אײַנגעהילט אין דינעם קאַרטוּנענעם כאַלאַט. אָנגעגרייט אַ ריין העמד און גאַטקעס. — ס'איז די רעכטע צייט זיך טובל זיין. דאָס וואַסער איז איצט ריין, קיל, און קיין מענש ווייזט זיך ניט אויפן פעלד...

ער איז אַרויס פון הויז. די גראָזן, די בלעטער פון די בוימער, האָבן זיך געוועקט, געקערט פון ווינט. די ווינטן וועלן אָנטראָגן רעגן! די בלייכע, אָפּגעריסענע, שטיקלעך וואָלקנס האָבן זיך געטראָגן, געשלאָסן. טונקעלער, שווערער, כמורנער, זיינען געוואָרן זייערע ברעגן...

אין טייך איז הלל אריין איבער די קני. זיך עטלאכע מאָל אָפּגעטובלט, איז ער געשוואומען מיטן פנים צום הימל. ער האָט אויך אויסגעפרובט זיינע אינגלשע קונצן: געזעסן אין וואַסער, ווי אויף אַ ביינקעלע; אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער און געשפריצט; געבליבן שטיין לעבן ברעג און געמאַכט אַ מיל מיט די הענט; אויפגעבראָזט דאָס וואַסער אין ווייסן שוים. אויף אַ ווײַלע זיך פאַרשעמט פאַר זיין אינגלשקייט, נאָכדעם זיך צוריק אַריינגעוואָרפן אין וואַסער, געלייגט קלאַפּטער, פאַרגעשטעלט אַז מען יאָגט אים — האָט ער זיך געטויכט, געצויגן מיט אַ פאַרמאַכט מויל און פאַרמאַכטע אויגן אונטערן וואַסער, ווי אַ גרויסער פאַרבלאָנדזשעטער ים־פיש...

ארויס אויפן ברעג, זיך איינגעהילט אין קאַרטענעם כאַלאַט. דאָס ווייסע וועש האָט אים איינגעדעקט, באשיצט, ווי אויסגעטיילט פון די חיות. אויך דער חיה בייט אום גאָט איינמאָל אַ יאָר די האָר אויף איר פעל. ביי די עופות ליניירן אויס די פעדערן. די בוימער טוען זיך איבער אין נייע בלעטער. דעם טאָג בייט אום די נאַכט. דער זון — די לבנה. די גאַנצע וועלט איז אַ גלגל החוזר...

ער האָט אָנגעטאָן די תפילין און מיט פאַרמאַכטע אויגן געזאָגט די ברכות. געדאַוונט אויף אויסווייניק און אויפן קול, און געשטאַנען

חיים פּעט

די גאַנצע צייט אַף די פּיס, צו מזרח־וואַנט... — זייער ווייט דאָרט שטייט די אַלטע שטאָט ירושלים. ער זעט פאַר די אויגן: דוד המלך, די כהנים, די נביאים. אויסגעטאָן די תפילין, האָט ער געזאָגט אויפן קול: גאָט צו דאַנקען, דערלעבט דעם ערשטן ערב שבת אין זיין נייעם ווינקל אַף דער ערד. איצט איז צייט איבערצוכאַפּן דאָס האַרץ...

— אַ רייך אָנבייסן האָט ער געפּראַוועט. פרישע מילך פון זיין חד־גדיא. אייער וואַרעמע. עס וועט אויך באַלד זיין אַן אוגערקע, אַ ציבעלקע. די חודש־רעטעכלאַך זיינען פּאַרטיק. זיי שטעקן אַרויס פון די זייטן בייטן אין זייער רונדקייט, מיט רויטע העמדלאַך. ברויט מיט זאַלץ און פרישע רעטעכלאַך — איז טעם גן־עדן...

אויפגעראַמט פון טיש, האָט הלל פאַרוואָרפן דאָס בינטל שינדלען אויף די פּלייצעס. ער פילט נאָך דער משא, אַז זרח האָט אים ניט אָפּגענאַרט. אויך שלומ׳ל זאָל זיין געבענטשט...

— צוגעשטעלט אַ לייטערל צום דאַך, איז ער אריין צוריק אין הויז, אויסגעקליבן די געהעריקע געצייגן און דאָס קעסטל טשוועק־לאַך, וואָס זרח האָט געשיקט מיט די שינדלען.

אַפריער האָט הלל ארויפגעטראָגן די געצייגן מיט דעם קעסטל טשוועקלאַך; אויך איינגעפּעסטיקט דעם אוקאָסנעם ביינקל אויפן דאַך. אַראָפּ פון לייטער, פאַרוואָרפן דאָס בינטל שינדלען אויפן פּלייצע, האָט ער פּאַמעלאַך, פון שטאַפּל אַף שטאַפּל, געשטיגן צום דאַך.

די שינדלען האָבן געשמעקט און געלויכטן פון נייקייט. איינע אין איינע, אַן סוקעס, מיט גראָבע אויסגעשניצטע רוקנס.

— זרח האָט טאַקע גענומען אַ צו הויכן פּרייז. אָבער סחורה האָט ער געגעבן ערשטן סאָרט!...

ווען ער איז שוין געזעסן איינגעמאָשצעט אויפ׳ן אוקאָסנעם ביינקל, האָט הלל געקוקט אַף דעם שטעטל וואָס איז געלעגן צעוואָרפן מיט זיינע שמאָלע געסלאַך. די הייזער הילצערנע, קליינע, אַרומגעכאַפּטע מיט אַלטע צעבלעטערטע בוימער. —

ער וויל היינט גיין אין בית־מדרש מקבל־שבת זיין. עס בייִנקט זיך נאָך אַ אידן...

אין וועג

גוט, וואָס ער האָט אריינגעשטעקט העלצלאַך אין די צולעכערטע שינדלען.... ער האָט אָפּגעריסן דעם ערשטן צולעכערטן שינדל, ארויסגעצויגן די פאַרזשאַווערטע טשוועקעס פון דער קראָקווע. דער אַלטער שינדל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון דאַך.

— זיי וועלן צוניץ קומען, אַף אָפּקאָכן אַ וואַרמעס, אַ וועטשערע...

עס האָט אים גענומען אַ שפּאַר שטיקל צייט, איידער ער האָט איינגעפּאַסט דעם ערשטן שינדל. מיט דער אַרבעט קומט אויך די געניטקייט און די פלינקייט...

די אַלטע שינדלען האָבן געקרעכצט, געבראָכן, זיך ניט געוואָלט שיידן מיטן דאַך. זיי האָבן איבערגעטראָגן האָגל, רעגן אויף זייערע פּלייצעס... איצט האָבן זיי אויסגעדינט, רייסט מען זיי אָפּ פון די קראָקוועס... אויך די פאַרזשאַווערטע טשוועקעס האָבן געוויינט, ווען הלל האָט מיט גוואַלד און כח זיי געצויגן. אָבער די נייע שינדלען האָבן געזונגען ווייך, אונטער דעם שאַרף פון דער האַק. אויך די נייע טשוועקלאַך האָבן געזונקען גלייכע דורך די שינדלען אין די קראָקוועס. די נייע צוגעפּעסטיקטע שינדלען האָבן געגלאַנצט קעגן דער זון, ווי זיך בארימט: אונז וועט נאָך קיין רעגן אַזוי גיך ניט ביי־קומען...

ער האָט גוט אויסגערעכנט מיט די שינדלען. ס'איז נאָך אי־בערגעבליבן ביי אַ צענדליק. ער האָט אויפגענומען די געצייגן. אַ געצייג טאָר מען ניט וואַרפן. עס קען אַנלויפן די קאַץ, אַ הון. עס וועדט אויך טעמפּ...

אַראָפּ פון דאַך, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „גענוג געבאַלעמור־טשעט, הלל!"... ס'איז צייט צו מאַכן שבת. ער וועט זיך אָנטאָן אין זיינע יום־טוב'דיקע מלבושים און געלאָסן אוועקשפּאַצירן צום מקום קדוש. ער וויל זיין פון די פּרי געקומענע מתפּללים...

די שבת'דיקע טוכענע קאַפּאָטע, האָט אויסגעקוקט כמעט ווי ניי, אַ חוץ דעם וואָס אַ קליין קנעפּל אויף איינעם פון די אַרבל איז געווען אָפּגעשפּאָלטן. אויך אַ נאָט איז געווען לויז לעבן קאָלנער.

חיים פעט

— מיט אַלערליי געצייגן קען ער אַרומגיין, אָבער ניט מיט דער שפּיציקער, דינער נאָדל...

ער האָט אָנגעטאָן די כראָמאָווע שטיבעלעטן. זיי זיינען געראָם אויף זיינע פיס ווי זאָקן. וויפיל מען באַצאָלט ניט פאַר גוטע סחורה, האָט מען ניט קיין חרטה... מיט איין בערשטל האָט ער געשמירט די שוך־וואַקס און מיטן צווייטן וואָס האָט געהאַט לענגערע, ווייכערע האָר, האָט ער אַרויסגערופן אַ גלאַנץ אויף די שיך. ער האָט פאַרמאַכט אַלע פענצטער פון הויז, זיי פאַרקייטלט, אַראָפּגעלאָזן די לאָדנס. די טיר פאַררוקט פון אינווייניק. דאָס איז זיינער אַ צוגעטראַכטער קונץ. אויך דעם טויער פון צאָם האָט ער פאַרשלאָסן. דעם שליסל באַהאַלטן אונטער׳ן צאָם — ניט געוואָלט טראָגן אום שבת...

געגאַנגען איז ער פּאַמעלאַך, מיט ווערדע, אָבער אויך פּשוט׳־קייט אין זיין שמייכל. אידן פון שטעטל האָבן אים געגריסט.

ער ווייס ניט צי ער איז אָפּגעגאַנגען הונדערט טריט, און ער איז שוין געווען אויפ׳ן מאַרק צווישן די קראָמען. די אידן שטייען נאָך אויף די שוועלן אין זייערע קרעמלאַך, פאַרמעליקטע, פאַרשטויבטע, אין אַלטע בגדים. קוקן אַרויס אויף אַ קונה. וואָכעדיקע זאָרג אין זייערע פּנים׳ער... — מען דאַרף טאַקע אַריינגיין אין איינע פון די קראָמען באַשטעלן ציגל. דער אויוון זעט אויס חרוב.

— וואָס וועט זאָגן אַ איד עפּעס גוטס ? — האָט אים באַגעגנט אַ דראָבנער איד מיט גרויע קלוגע אויגן.

— איר האָט ציגל צו פאַרקויפן ?

— אויף וואָס דען האַלט איך די ציגל, אויף דרשה־געשאַנק ? צו וואָס דאַרפן זיי די ציגל ? פאַר אַ פּאַדלאָגע ? אויף אַ מויער ? צי פאַר אַן אויוון ?

— וואָס איז די נפקא־מינה, — האָט הלל שטיל געענטפערט.

— זעצט אייך אַ ווײלע, וועל איך אַריינטראָגן עטלאכע פּראָבעס. הלל האָט באַטראַכט דאָס קרעמל, וואָס איז געווען אויף אַ שפּאַן

אין וועג

די גרויס. ער איז אודאי אַ באַווייבטער, דער קרעמער, מיט אַ געזינדל. איז פון דעם אָרעמען קרעמל ציט עס אַ איד חיונה?...

ס'האָט זיך באַוויזן דער דראָבנער איד מיט דריי ציגל אויף די הענט. אַוועקגעלייגט די ציגל אויף דער פּאָליצע, האָט ער אָפּגעווישט די הענט אָן אַ ווייכן טוך.

— נאָט אייך שלום! מה שמכם?

— הלל.

— מיר האָט מען אַ נאָמען געגעבן אַנשל... איר זייט דאָס דער יעניקער, וואָס האָט אָפּגעקויפט קייליעס הויז? גאָט צו דאַנקען, וואָס דאָס הויז איז אַריינגעפאַלן צו א אידן אין די הענט. אַ שטיל שטעטל ביי אונז. נו, דאָ האָט איר פאַרשיידנס: ווייסע לבנים, רויטע ציגל. און די ציגל מיט די אויסגעגעסענע לעכלאך... ווי זיי רופן דאָס אין רוסלאַנד: „קירפּיטש".

—צייגט מיר די לבנים...

אַנשל האָט אַ שמייכל געטאָן: די ליטוואַקעס קען מען ניט שלייערן. פון אַלע באַצירקן קומט מען ביי מיר קויפן די לבנים.

— וויפיל באָט איר א מאה?

— מיר וועלן צום רב ניט גיין. געברויכן זיי וואַפנע קרייד?

— לאָזט אָקאָרשט זען אייער קרייד.

אַנשל האָט אַריינגעבראַכט צוויי שווערע, פּאַרונדעקטע, ווייסע קוילן, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי גרויסע קעזן. הלל האָט אָפּגעלופּעט מיט'ן נאָגל אַ שטיקל קרייד. דאָס קרייד איז געווען טרוקן, ווייס. עס האָט זיך צעשאָטן אין דינעם מעל.

— איך וועל זיך איינשאַפן אַ פּוד — און בשעת מעשה געטראַכט: אַז אַ פּוד קרייד איז איבערגענוג אויסצוקאַלכן דאָס הויז. — אויך פּאַקט מיר איין אַ פּאָר ראָגאָזשעס. איך וועל פון דערין מאַכן אַ פּענזל אויף צום קאַלכן.

— זיי דאַרפן ניט זאָרגן; אַ פּענזל וועל איך זיי געבן אַ געשאַנק.

חיים פּעט

— איר וועט זיין אַזוי גוט, רב אַנשל, מיר צושיקן דאָס אַלעס מיט אַ רשימה. האָט מיר אַ גוטן שבת!

— אַ גוט יאָר! אַ גוט יאָר! — האָט אים אַנשל נאָכגעשריען — לאָזט זיך דערקאָנען...

הלל איז געווען פון די ערשטע אידן אין שול־הויף. צוויי הילצערנע בתי־מדרשים זיינען געשטאַנען איינער אַנטקעגן אַנדערן. דער אַלטער בית־מדרש איז געווען קלענער, נידעריקער, ווי דער נייער. טונקעלע, אומעטיקע פענצטער האָבן דורכגעקעסטלט די ווענט. שווערע הילצערנע טירן מיט אַלטע שראָמען. פאַרזשאַווערטע ברייטע קעפּלאַך פון טשוועקעס האָבן גענעסט טיף אין דעם אַלטן געהילץ. אויך דער קוימען אויפ׳ן דאַך איז געשטאַנען קרום. אַ פּאָר ציגל האָבן געפעלטביים ברייטן שוואַרצן מויל. און ביי די סאָמע פונדאַמענטן זיינען די שטיינער געווען אָראָפּגעזעצט, אויסגעבייכט, אויסגעשווינקטע פון רעגנס. אָבער דער נייער בית־מדרש האָט געלויכטן מיט זיינע גרויסע פענצטער, טירן מיט קופערנע קליאַמקעס. די פונדאַמענטן פאַרטינקעוועט. דער קוימען גלייך און אַרויסגעהויבן פון דאַך, מיט שפּיציקע ציגל אַרומגעלייגט ביים מויל.

אָפּגעטראָטן אַ פּאָר הונדערט שפּאַן, איז געשטאַנען די אַלטע שול. זיין עלטער זיידע זכריה האָט אים דערציילט: „סאיז אַ סברא, אַז די שול איז אַלט אַכט־הונדערט יאָר”.

יע, מען קען זען און שפּירן די אַלטקייט...

הויכע, הילצערנע ווענט. איבער זיי געשפּרייט ווי שווערע פליגל אַ דאַך איבער אַ דאַך.

שווער און אומעטיק ליגט די ווייטע פאַרגאַנגענע צייט איבער דעם אַלטן, אויפגעטורעמטן, ריינעם געהילץ. די פענצטער איינגעפּאַסטע הויך אין די ווענט, מיט קליינעקע שויבן פון אַלערליי פאַרבן.

וויפיל גזרות, שרפות, זיינען דורך די אַכט הונדערט יאָר דאָ

אין וועג

דורכגעגאנגען.... און די אַלטע שול איז געבליבן גאַנץ. ווי אַ גע־היימע געטלאַכע האַנט האָט אָפּגעווענדט אַלע בייזקייטן...

הלל איז געשטאַנען מיט אויפגעלויכטענע אויגן טיפע שעצונג האָט ער געפילט פאַר די מייסטערס, וואָס האָבן די הילצערנע גע־ביידע אַזוי ערלאך און דויערהאַפטיק אַוועקגעשטעלט.

— ווי געפעלט זיי אונזער שול?

הלל האָט דערקאַנט אַנשל׳ס קול. ניט דערזעלבער אַנשל, ווי ער האָט אים געזען אין קראָם, נאָר אַ פרינץ. אַן אַטלעסענע קאַ־פּאָטע אויף אים. דאָס פּנים ריין און שמייכלענדיק, די באָרד צע־קעמט.

— באַמערקן זיי נאָר: די טיר איז אָן קיין שום אייזן. דאָס איז דער סוד...

פון פּאָליש האָט זיך געעפנט אַ טיר, וואָס האָט געפירט אין שול... הלל איז געבליבן שטיין. אַ קילקייט, אַ טונקלקייט האָט געהויערט. און די זון האָט צעשפּילט איבער די געפאַרבטע קליינע שויבן. די פאַרבן האָבן זיך געטוישט, פאַרקושט די הויכע רונדע ליידיקייט...

הלל האָט ניט געוואוסט, אויף וואָס פריער צו קוקן: מעשענע, שווערע, רערענדיקע לייכטער, פון איין שטיק געגאָסן, האָבן אַראָפּגע־האַנגען פון די הויכע געוועלבן אויף אַנגעשטרענגטע שטריק. אין מיטן שול, ווי אַ געאַנקערטע אַלטע שיף, די בימה... אין מזרח, ביי דער וואַנט, דער אָרון־קודש אויסגעשניצט פון האָלץ.

— זיי דאַרפן וויסן: אַז איין מענטש האָט אַ לעבן לאַנג מיט אַ קליין קעשענע מעסערל געשניצט דעם אָרון־קודש...

הלל האָט ניט געענטפערט אַנשל׳ען. יעדער לייב האָט ווי אַ לעבעדיקער אַראָפּגעברומט פון אָרון קודש, אים געהאַלטן אין מורא. און פון זייערע אָפענע מיילער: קעפּ פון שלאַנגען. אין זייער וויל־דער קלוגשאַפט... הירשן אין זייער לויף, מיט שטיקלאַך גראָבע צונגען קרום אַרויסגעשטעקט פון די מיילער.

חיים פעט

קיילעכדיקע פוסטע זיילן פון ביידע זייטן אָרון־קודש. הענגלאך ווײַנטראָבן אויף זיי, ווי פאַרגליווערטע גרויסע טרערן. וואו ניט וואו אָפּגעבראָכן אַ גאַלקע, אַ שניצאַכץ. אָבער דאָס האָט נאָך פולער און רוימיקער אָנגעגליט הלל׳ס געמיט. אינם אַלטן מאַסיוון אויסגע־שניצטן אָרון־קודש האָט הלל געזען: ווי גאָט מיט׳ן מענשן האָבן זיך באַהעפט...

הלל איז אַרויס פון שול. אַ שוואַרצע נאַכט אָן לבנה, אָן שטערן. די לופט געדיכט, קלעפּיק.

הלל האָט געאײַלט אַהיים. עטלאַכע טראָפּנס רעגן זײַנען גע־פאַלן אויף זײַנע הענט. עס איז אַ סימן אַז די וואָלקנס זײַנען אָנ־געלאָדענע... זיי האַלטן איין די שווערע וואַסערן אין זייערע שוואַר־צע בוזעמס.

ביים צאָם האָט זיך הלל אָראָפּגעבויגן, אויפגעזוכט דעם שליסל. אַ ברומעריי האָט זיך ווייט אין די הימלען געקייקלט. — דאַנקען גאָט, וואָס ער איז שוין אין דער היים. די שווערקייט פון דער לופט געפעלט אים ניט... כאָטש ער איז ניט קיין שרעקעדיקער און ער האָט אמונה...

ער האָט זיך אויף גיך אויסגעטאָן. שאַרפע בליצן, ווי געדרייטע פייערדיקע קרייצערס, האָבן טיף דורכגעשניטן די הימלען. און גע־וויזן פאַר אַ ווײַלע די שווערע געדיכטע כמאַרעס, וואָס האָבן ווי גע־רויכערט פון אַ גרויסע שרפה. באַלד האָט אָנגעהויבן בליאַסקען אין אַלע פענסטער. פייערדיקע בלאַנקע שווערדן האָבן געשפּאַלטן פון אַלע זייטן דעם הימל. איין דונער האָט דעם צווייטן איבערגע־שטאַרקט, איבערגעשריען. אויך אַ רעגן האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אי־בערן דאַך. נאָך יעדן בליץ און דונער האָט דער רעגן זיך פאַר־שטאַרקט. דער גאַנצער דרויסן האָט זיך אָנגעצונדן אין אימה׳דיקער בלויער ליכטיקייט. און אַ מבול האָט זיך אַראָפּגעלאָזן.

הלל האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט פון בעט. געוואַשן די הענט און תפילה געטאָן...

אין וועג

אַ מענש טאָר ניט זיין אַליין ווי אַ דאָרן. גאָט האָט דעם ערשטן מענשן באַשאַפן זיין באַשערטע... איז ניט קיין ווייב, דאַרף מען זיין לעבן די קינדער. שוין אָפּגעלעבט איבער פופציק יאָר און ניט ביי־געוואוינט אַזאַ נאַכט. פּעך און שוועבל גיסט זיך אין דרויסן. ווען דער דאַך איז ניט פאַריכט, וואָלט ער אָוועקגעשוואומען. ס׳איז ניט קיין וואונדער, וואָס עס טוט זיך איצט אין דרויסן. שוין אַ פּאָר וואָכן ווי עס פאַליעט. ווען דער רעגן פאַלט ניט מיט אַזאַ האַס־טיקייט, וואָלט דאָס געווען אַ ברכה פאַר די פאַרטריקנטע פעלדער... זאָל כאָטש גאָרניט פאַסירן... די שול זאָל בלייבן גאַנץ.

די שול איז מיטאַמאָל אויפסניי אויפגעשוואומען פאַר זיינע אויגן. דורות אידן האָבן אין איר געדאַוונט... אַ שוואַכע בריה, דער מענש!

ביי נאַכט, זיינען געדאַנקען אים באַפאַלן ווי די ווילדע קאָמאַרן, וואָס זינגען אַרום אים: דאָס קען נאָר גאָט שפּילן אַזאַ חתונה!... ער האָט גוטע כלי־זמרים...

אויפגעכאַפּט האָט זיך הלל שפּעט אין טאָג. דער ווילדער דרויסן האָט זיך איינגעשטילט. ניט קיין דונערן, ניט קיין בליצן. אויך דער ווינט האָט זיך אָוועקגעטראָגן איבער די ימים, איבער די מדבריות. דאָרטן אין די וויסטענישן ליגט ער פון גאָט אַ געבונדענער. נאָר דער רעגן איז כסדר געפאַלן פון די צעריסענע, רויכערדיקע כמאַ־רעס, אַ וואַרעמער מזל־ברכה׳דיקער רעגן, וואָס טרינקט אָן די פאַר־טריקנטע וואָרצלען פון דעם גאַנצן געוויקס...

פאַר זיין אייגענעם כבוד און פאַר גאָט׳ס וועגן האָט ער זיך אָנגעטאָן אין זיינע שבת׳דיקע בגדים. ביים טיש, פאַרשפּרייט מיט אַ ווייסן סערוועט, האָט הלל אויפגעעפנט דעם חומש; אויפגעמישט דעם דריטן ספר פון חומש ויקרא. געמישט מיט גליאיקע פינגער די הייליקע בלעטער...

עס האָט פאַר אים אַ שיין געטאָן די סדרה בחוקותי. מיט אַ קלאָרן נגון האָט ער אויסגעזונגען דעם ערשטן פסוק: אם בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמרו ועשיתם אתם: אויב אין מיינע געזעצן

חיים פעט

וועט איר גיין און מיינע מצוות היטן און זיי טאָן — האָט ער נאָכ־געטראַכט אין אידיש. ווי דער רבי האָט אים פאַרטייטשט; ונתתי גשמיכם בעתם ונתנה הארץ יבולה ועץ השדה יתן פריו—וועל איך געבן אייער רעגן אין צייט, און עס וועט געבן די ערד איר וואַקסונג, און דעם בוים פון פעלד זיין פרוכט.

ער האָט נאָכגעקוקט פון די פאָר פסוקים אַלע פּירושים: שפתי חכמים, רשי, אבן עזרא, כלי יקר, אור החיים, תרגום אונקלוס. ער האָט זיך פאַרטיפט מיט כוונה אין דעם אַלטן ספר... זיך דורכגעטראָגן מיט׳ן דמיון איבער דעם אַלטן אַמאָל...

גרויס און מעכטיק איז די אידישע תורה. אַלע געזעצן זיינען פריש. די פסוקים זינגען אַראָפּ פון די פאַרמעטן; זיי דרינגען אַלע מאָל טיפער אין האַרצן... ער האָט זיך אויך דערמאָנט אָן אַלע מלמדים, ביי וועמען ער האָט אַמאָל געלערנט, זיי געזען איצט ווי לעבעדיקע פאַר די אויגן... אַלס אינגל, ניט איין מלמד אָפּגעטאָן אַ שטוקע. איצט וואָלט ער זיי אויף די הענט געטראָגן. פאַר זיי געגאַנגען דורך פייער און וואַסער. זיי זיינען די וואונדערלאַכע אָרע־מע מענשן, וואָס האָבן מעגלאַך געמאַכט ער זאָל זיך קענען פאַר־בינדן מיט אבות און אבות פון אבות. זיי האָבן געעפנט פאַר אים טויערן צו העכערע וועלטן... אויך האָט ער דערזען די תלמידים, מיט וועמען ער האָט צוזאַמען געלערנט... שוין אַלטע אידן!... פיל צעשטאָרבן פון זיי פאַר דער צייט. אַנדערע זיינען אַראָפּ פון דרך. אָבער אויך אַנדערע אידן, גרויס אין לומדות און מידות, זיינען אויפ־געוואַקסן אין זיין דור. עס קלינגט מיט זיי די וועלט. ווען מען איז יונג, זיינען מלמדים, תלמידים, חברים — פריינט... אָבער אין די וויטערדיקע יאָרן צעפאַלן זיך די רינגען פון דער קייט...

דער הייליקער שבת איז שוין אויך פאַרגאַנגען. פינצטער מיט אַמאָל געוואָרן. שבת פאַרנאַכט ווערט אומעטיק. דער עול פון דער פרנסה פאַלט אַראָפּ. פון יום־טוב פאַלט מען אריין אין דער וואָך, ווי פון אַ וואַרעם הויז אין אַ פראָסטיקן דרויסן. אפילו די קליינע קינ־

אין וועג

דער טוליען זיך איינע צו די אַנדערע אין די ווינקעלאַך פון זייערע היימען... פייערלאַך האָבן זיך שוין, דוכט זיך, באַוויזן אין אידישע פענצטער...

הלל האָט אָנגעצונדן דעם בליץ־לאָמפּ. ער האָט קיינמאָל ניט געקאָרגט אויף באַלייכטונג. די ליכטיקייט האָט אַריינגעפירט וואָך אין זיין שטוב.

דאָס ערשטע וואָס ער וועט טאָן: איינהייצן מיט אַ פּאָר העלצ־לאַך דעם אויוון. מען דאַרף זען, צי ער קען זיך פאַרלאָזן מיט'ן אויוון אויף ווינטער... עס איז אים אָבער אויך געקומען אויפן זינען: שרייבן בריוו צו זיינע קינדער.

צום אַלעם ערשטן האָט ער אַרויסגענומען זעקס ווייסע קאָנ־ווערטן, אָנגעטאָן די ברילן. די גלעזלאַך פון די ברילן האָבן פאַר־גרעסערט די אותיות. די אַדרעסן גערעדנקט ער אויף אויסווייניק, אָבער זיך פאַרלאָזן אויפן זכרון וויל ער ניט... די בריוו גייען דורך פיל לענדער איידער זיי קומען אָן צו זיינע קינדער... ער האָט ניט וואָס צו זינדיקן: זיי ענטפערן אין צייט, שיקן אים געלט.

דעם ערשטן אַדרעס געשריבן פּאַמעלאַך, אויסגעקיילעכדיקט די אותיות פון דער פרעמדער שפּראַך... יעדן אות ווי אויסגעקריצט גראָב מיט טינט. ער וויל ניט אַז זיינער אַ בריוו זאָל זיך פאַרהאַלטן אין וועג... קליינע לוזשקעלעך זיינען געלעגן אין די פרישע אָנגע־טרונקענע שורות. הלל האָט אָפּגעלופּעט אַ שטיקל קאַלך פון וואַנט... ער וויל סיי ווי סיי איבערקאַלכן דאָס הויז. דאָס שטיקל אויסגע־טריקנטע קאַלך צעריבן אויף מעל; מיט דעם מעל איינגעדעקט די פרישע געשריבענע שורות. ווען די אותיות האָבן זיך אויפגעהויבן פון פּאַפּיר ווי בערגלעך, האָט ער מיט צוויי פינגער אַ פּיק געטאָן אויפן צווייטן זייט קאָנווערט. די שריפט איז געבליבן ליגן אַ לעבע־דיקע, אַ ריינע...

ווען אַלע זעקס קאָנווערטן זיינען שוין געלעגן מיט אויסגע־שריבענע אַדרעסן, האָט הלל זיך אויפגעהויבן, אַ קוק געטאָן אויפן

זייגער. זייער שפעט, האָט ער צו זיך געזאָגט. מאָרגן איז זונטאָג אויף דער וועלט. ער וועט זיך פאַרנעמען מיט שטוביקע זאַכן. — ער וויל ניט אויפרייסן די אויגן פון די גויאישע שכנים. מען דאַרף אויך האָבן אָפּשיי פאַר אַ פרעמדנס גלויבן...

ער האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ. זיין מנהג איז אַלעמאָל געווען זיך אויסצוטאָן אין דער פינצטער...

דער רעגן האָט שטיל גערוישט, געפּיקט איבערן דאַך, געוואַשן די שויבן. די לופט איז געווען אָפּגעקילט און לינד. די פויגל אין זייערע נעסטן זיינען געלעגן איינגעוואַרעמט. די טומלדיקע זשאַבעס פאַרשוויגענע. אַלע באַשעפעניש האָבן געפילט גרויס פאַרכטיקייט פאַר גאָטס צעשפּילטן דרויסן...

— הלל האָט אויסגעלייגט ברייוו נאָך ברייוו, אין זיין רעיון. זיך געוואונדערט: פאַר וואָס זיינען די ברייוו פון זיינע קינדער אַזוי אָרים. זיי זיינען דאָך אין דער גרויסער נייער וועלט... — אמת, זיי שרייבן אויף שיינע, ליכטיקע בויגעלעך פּאַפּיר. אָבער עפּעס ארויסצולייענען... זיינע קינדער זיינען גאָרניט אַזעלכע פּראָסטע. מלמדים און לערער פאַר זיי געהאַלטן. עס וואָלט ניט געווען קיין נאַרישקייט זיך זען מיט זיי... ער האָט אָבער מורא אָנמוטן זיינע קינדער דעם פּלאַן... זיי וועלן שוין זייער אַלטן טאַטן ניט לאָזן פאָרן צוריק. ניין, ער וויל זיי די ביינקשאַפט ניט אויפדעקן... ער וועט זיי שרייבן ווי אַלעמאָל: עס פעלט אים גאָרניט. נאָר דאָס איינציקע שטיקל נחת זאָלן זיי ניט פאַרשטערן: שרייבן אָפט... אויך זאָלן זיי אים שיקן די פאָטאָגראַפיעס פון די אייניקלעך. ווען ער קען זיי אָנקנייפּן אין די בעקלעך... ער וואָלט זיי געוויזן, ווי דער זיידע קען זיך נאָך אַ שפּיל טאָן... — ער וואָלט גריילעך וועלן וויסן, צי זיי גייען אין די אידישע וועגן, צי זיי קענען זיך אויפריידן אויף זייער מאַמע־לשון?... ווי שווער ס'איז ארויסצורייסן פון יענעם ווייטן לאַנד אַזוינע פּרטים. אין די ברייוו וועט ער זיי אויספאָדערן... מאָדנע! אַלעמאָל ווען עס קומט אים אויס שרייבן ברייוו צו זיינע קינדער, ווערט ער ווי שטאַר־

אין וועג

קער צוגעבונדן צו זיי, אָבער אויך צעטרייסלט. ווייל ער רעדט צו זיי דורך די בריוו, דערפילט ער ווי ווייט זיי זיינען פון אים. מיט וואָס פאַראַ גרויסן ים זיי זיינען אָפּגעטיילט... יאָרן זיינען אַריבער, וואָס ער זעט ניט זייערע ליכטיקע פּנימער. אייגענע קינדער, זיי געהאָדעוועט מיט זיינע הענט, זיינען פאַרפרעמדט און פאַרוואָגלט. און ער איז ווי אַן אַלטער פויגל פון אַ צערויבטן נעסט... — די נאַכט איז ער שפּעט געגאַנגען רוען... דער דרויסן האָט אריינגעקוקט דורך די פענצטער: דער הימל באַלאַגערט מיט וואָלקנס. אָבער די זון האָט זיך שוין געריסן פון די וואָלקנס. דאָס גאַנצע פעלד אויסגעוואַשן. די גראָזן לייכט איינגענייגט. די בוימער פאַרבלישטשעט מיט וואַסער־טראָפּנס. אַ פויגל רייסט זיך ארויס פון די צווייגן. עס רעגנט אַ ווײַלע, ווי פון אַ זיפּעלע. אויך דאָס טייכל איז אָנגעשוואָלן, פאַרגאָסן די ברעגן. פון אַלע זייטן לויפן צו איר מוטנע ריטשקעלעך. דער האָן קרייט אָפּט, אַ סימן: ס'וועט זיך אויסלייטערן... — די בריוו איז רעכט שפּעטער פאַרענדיקן. ער וויל זיך פאַרנעמען מיט יגיע כפּים. דער קאָפּ ווערט קלאָרער, ווען די הענט מידן זיך איין...

ער איז צוגעגאַנגען צום אויוון, אריינגעלייגט אין דעם בריטן אויוון־מויל טרוקענע דינע העלצלעך, באַגאָסן זיי מיט נאַפט און אריינגעוואָרפן אַן אָנגעצונדן שוועבעלע. אַ פלאַם האָט אַ שאָס געטאָן, אַראָפּגעלעקט דאָס נאַפט. דער פלאַם איז נידעריקער געוואָרן, זיך געזעצט. בלויז פאַררויכערטע קאָרע האָט זיך געזעגן פון די העלצלעך. — דער אויוון ציט ניט! מען קען זען ווי קרום און בייכיק איז דער אויוון, שפּאַרונעס שוואַרצע אין די ציגל. אים איז אַ וואונדער: ווי האָט קיילי געקאָכט? געבאַקן?... — יאָ, ער פאַרשטייט, וואָס ער דאַרף טאָן. די וואַנט וואָס איז קרום און בייכיק וועט ער איבערשיטן. אויך גוט אויסקערן דעם קוימען. דער קוימען איז פאַרשטאָפּט. ווען, חלילה, עס זאָל זיך אָנצינדן די סאַזשע, קען זיך אָפּשפּילן אַ שיינע חתונה!...

חיים פעט

— אָבער מען כאַפּט ניט די פיש פאַר דער נעץ. ווען ער איז געווען אויפן בוידעם, האָט ער געזען דאָרט ליידיקע פלעשער, בוט־ליעס. ער וויל זיי טאַקע אַראָפּטראָגן אין הויז. די קאַרשן זיינען שוין באַלד איבערגעצייטיקט און פאַרשאָטן אויף די פּאָר בוימער. זאָל אַנשל קומען. וועט ער אים מיטגעבן אַ פולן קאָשיקל קאַרשן. אויך אריינשיקן דעם רב אַ מתנה, פון די אויסגעקליבנסטע און בעס־טע. אַ איד אַ בן־תורה זאָל טועם זיין די פרוכט פון זיינע בוימער. ס'איז גאָטס גאָב!... — אויך אַליין וויל ער זיך פאַרגרייטן ביי פינף, זעקס בוטליעס, פאַרשיטן מיט צוקער, פאַרגיסן מיט ספּירט. עס וועט זיין מיט וואָס מחיה זיין אַ קראַנקן, זיך אַליין צו שטאַרקן די קרעפטן. — ער וויל בעטן אַנשל'ס ווייב, זי זאָל אויספּרעגלען פאַר אים אַ פּאָר סלאָיעס קאַרשן. זאָל זיך געפינען איינגעמאַכטס: מכבד זיין אַ מענטשן ביי אַ גלעזל טיי...

ער האָט אַראָפּגעטראָגן פון בוידעם פינף בייכיקע, גלעזערנע בוטליעס. גוט אַראָפּגעווישט מיט אַ שמאַטע דעם שטויב פון זיי. דערנאָך זיי געשווייבקט מיט וואַסער און אַש. דאָס וואַסער און אַש האָט אויסגעגעסן דעם איינגעטריקנטן שמוץ. דורכגעשווייבקט מיט ריינע וואַסער, אַזוי אַז קיין פּגימה האָט זיך ניט געזען אויף די גלעזערנע גופים. — אָפּגערוט, האָט ער געטראַכט וועגן צוגרייטן דעם סערפּ מיט דער קאָסע. סערפּן וואַלגערן זיך ארום גראַדע עטלעכע. ער האָט פון וואָס אויסצוקלייבן. דער סערפּ מיט דעם ברוינעם היל־צערנעם הענטל איז אים געפעלן. ער איז פיין אויסגעבויגן, געדיכט מיט ציינדלעך און ווייניק מאָל געשאַרפט... די קאָסע איז שפּאָגל־ניי, בלויער סטאָל. אַז ער גיט אַ טשעפּע מיטן נאָגל דעם שאַרף, זשומעט אין איר אַ ווינט. אים איז אַ וואונדער, ווי קומען צו אַ אידענע די אַלע מכשירים?... — זי האָט אַוודאי אָפּגעקויפט דאָס הויז ביי אַן איינגעפונדעוועטן בעל־הבית... — מאָרגן, איידער די זון וועט זיך צעוואַרעמען, וויל ער אָפּקאָסיען דאָס גראָז. פון מינוט צו מינוט ווערט אין דרויסן לויטערער.

אין וועג

צום ערשטן האָט ער געשאַרפט די קאָסע. מיט אַ לאַנג שאַרף שטיינדל געגלעט איין זייט שאַרף, די צווייטע זייט. איבערגעצויגן דעם נאָגל אויפן שאַרף... ווידער אַ גלעט געטאָן מיטן שטיינדל... דערנאָך האָט ער די קאָסע איינגעמאָשצעט אינם לאַנגן שטעקן. — מיט דעם סערפּ האָט ער זיך ניט צערעמאָניעט. דעם סערפּ וועט ער באַנוצן נאָענט לעבן אַ בוים, אַ שטיין, וואו מען קען ניט צוקומען מיט דער קאָסע... — — — נאָכן רעגן האָט זיך דאָס גראָז אַ הויב געטאָן. דאָס פעלד בעט זיך, מען זאָל עס אָפּשערן. ביז ווינטער וועט ער אַ צווייט מאָל קענען שנײַדן דאָס גראָז...

אויפגעלייגט די שאַרף־שטיינדלעך, צוגעראַמט אין הויז, האָט ער זיך צוגעזעצט ביים אָפענעם פענצטער. די אויסגעוואַשענע גראָזן, די נאַסע וואַרעמע ערד, דער אָפּגעפרישטער דרויסן — האָט הלל'ן ווי צוריקגעפירט צו זיין ווייטער קינדהייט...

אַן אויסגערוטער, אַ מונטערער, איז הלל מיט דער קאָסע און סערפּ ארויס פון זיין הויז. ער וועט אָנפאַנגען שניידן דאָס גראָז לעבן הויז. — פאַרנאַנדערגעפאָכעט די קאָסע אין אַ האַלב רונדיקן צירקל. געהערט דעם ערשטן געשריי פון די געפאַלענע גראָזן. די קאָסע האָט דין געקלונגען. די הויכע גראָזן האָבן זיך אויסגעלייגט ביי זיינע פיס. אויך די געלע און בלויע בלומען, וואָס זיינען גע־וואַקסן צווישן די הויכע גראָזן, זיינען געפאַלן ווי שכור'ע... ער האָט זיך אויפגעשטעלט, געווישט דעם שטערן, ארומגעוויקלט אַ טיכעלע ארום דעם הילצערנעם הענטל פון שטעקן...

די קאָסע גייט שווער. די גראָזן זיינען פייכט. אויך איז ער ניט איינגעוואוינט מיט דער קאָסע. מען דאַרף זי ווידער אַביסל צושאַרפן. עס ברענט ניט. זאָל דויערן נאָך אַ טאָג... נאָך אַזאַ פליוכעניש וועלן קומען אַ סך שיינע טעג.

ער האָט אַ צווייט מאָל גענומען די קאָסע אין די הענט, גע־שווינקט מיט איר האַלב רונדיק און ברייט. אַזוי געשניטן, אַז אַ גרעזל איז ניט געבליבן גאַנץ. פון יעדן פאָך מיט דער קאָסע האָבן

חיים פעט

זיך אויפגעהויבן קליינע מאטילן; זיי האָבן איבערגעוואנדערט וואו די גראָזן זיינען ניט באַרירט... אויף דער גרינער, באַרשטיקער ערד, זיינען מוראַשקעס געלאָפן צעטומלטע... — אַ שטיק פעלד שוין אָפּגעשאָרן. ס׳איז צייט מיט דער אַנדער זייט גראַבליע איבערקערן די צעוויאַלעטע גראָזן. אויב עס זאָל זיין אַזוי פּאַגאָדנע, וועט ער אין דריי טעג ארום האָבן טרוקן היי. — ער וויל ווינטער־צו איינ־קויפן אַ בהמה. היי וועט זיין גענוג פאַר דער ציג מיט דער בהמה. די מילך וועט אריינברייגנען אַ ביסל פּדיון. — אַז דאָס קיעלע וועט זיך קעלבן, וויל ער דעם זויגלינג האָדעווען. אייגענע האָדעוואַניע איז אַ נחת... — — —

ס׳איז גוט וואָס אַנשל האָט זיך באַוויזן. ער איז ארויסגעשלאָגן פון די כחות. נעבעך, אַנשל פירט אַליין אין אַ וועגעלע די ציגל, מיטן קרייד. ער איז אים געגאַנגען אַנטקעגן.

— איך ברויך ניט קיין הילף, — האָט זיך אַנשל געוועדט. ס׳איז ניט קיין שווערע משא.

רב אַנשל! פאַרגינט צו לייגן אַ אידן אַ האַנט... אויף ארייג־טראָגן די ציגל מיטן קרייד, האָט הלל געהאָלפן.

— איך וואָלט אייך געראָטן איינהאַנדלען קאַכליעס. איך האָב ארייגעקראָגן אַ ראַמשל... — איינע אין איינע, ווי שפּיגלען, אויס־געגאָסענע פון פורעמס...

זיי ווילן וויסן. איך באַטרעט די שוועל פון זייער הויז דאָס ערשטע מאָל. — אַ וואַרער פּאַלאַץ!...

זאָלן זיי אויף מיר קיין פאַרדראָס ניט טראָגן: וואו איז די אשת־חיל? —

רב אַנשל! — האָט הלל שטיל און מיט וויטן צער געענטפערט: דאָס הויז, ווי דאָס הויז, נאָר אַ ווירטין פעלט...

איך האָב קינדער, אייניקלעך, — געלויבט דעם אויבערשטן... — איך האָב זיך נאָך לעצטן פרייטאָג אָנגעשלאָגן אַז זיי פעלט אַ

אין וועג

ווירטין. זיי וועלן זיך לאָזן דינען? וועל איך פאַר זיי אַ פּאַרטיי שליסן...

הלל האָט אַ שמייכל געטאָן. אַ טשיקאַווער איד, דער אַנשל...

מיר האָבן נאָך צייט צו ריידן... ס׳איז ניט קיין בייגל אויפצועסן. דערווייל לאָמיר מאַכן אַ לחיים. איך האָב גאָר אַ פּרימאַ ביסל משקה. עס גייט דורך דעם האַלז, ווי בוימל... גיסט אָן פּול, זשאַלעוועט ניט. לחיים! — לחיים! פאַרבייסט מיט אַ שטיקל טרוקענעם קעז... און איצט וועל איך אייך געבן אַ קאָשיקל; גייט צו די קאַרשן־בוימלעך, קלייבט ביזן ווערד. איך וועל אייך מיטגעבן פינף פונט צוקער. זאָל אייער אידענע זיין אַזוי גוט און אויספּרעגלען פאַר מיר אַ ביסל איינגעמאַכטס...

ס׳איז געווען זייער שיין, וואָס ער האָט אָנגעמוט אַנשלען אַליין אָנקלייבן די קאַרשן. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער געוואוסט, אַז אַנשלען וועט ניט פּאַסן זיך צורירן צו יענעמס אייגנטום...

און טאָקע ווי אַ יונג אינגל, איז הלל ארויפגעקראָכן אויפן קאַרשן בוים, און אַנשל האָט פאַרשעמט אים דערלאַנגט דאָס קאָשיקל...

הלל האָט ניט געריסן די קאַרשן, נאָר געקליבן די צייטיקערע, די גרעסערע. די קאַרשן וואָס די פויגל האָבן אָנגעפּיקט, די בראַקאָונע, האָט ער געלאָזן אויף די צווייגן. דורך די אָנגעפּיקטע קאַרשן האָבן זיך געזען פאַרבלוטיקטע ביינדלעך. אָבער די גוטע וואַרעמע זון האָט זיי אויסגעהיילט. זיי זיינען געהאַנגען אויף זייערע דינע שטעקלעך, שטאַרקער און פאַר׳עקשנ׳טער צוגעוואַקסן צו די צווייגן...

דאָס קאָשיקל האָט הלל פאַרטשעפּעט אָן אַ צווייג. און פון אַלע זייטן זיינען פון הלל׳ס פינגער געפאַלן קאַרשן אין קאָשיקל. זיינען אַ פּאָר אַראָפּגעפאַלן אין גראָז, האָט זיך אַנשל איינגעבויגן, זיי אויפגעהויבן... — די קאַרשן בוימער זיינען יונגע. דאָס דערקאָנט הלל אָן די שטאַמען... די קאָרע שטייף, גלאַט, ניט אָפּגעשטאַנען פון די בוימער. אויך די צווייגן זיינען בויגעוודיק, אָדערדיק, געדיכט, מיט טונקל־גרינע בלעטער; רונדיקע מיט ציינדלעך

חיים פעט

ביי די ברעגן. די פּאָר טרוקענע צווייגן וועט ער היינט־מאָרגן אָפּ־שניידן. די וואונדן איינרייבן מיט גענזן־שמאַלץ. פּרוכט בוימער דאַרף מען זייער אָפּהיטן... ער מוז אָפּקאַלכן די שטאַמען. און די בלעטער באַשפּריצן מיט זאַלץ־וואַסער זיי זאָלן ניט דאַרבן פאַר דער צייט.

— אראָפּגעקלעטערט פונם קאַרשן בוים, האָט ער ארויסבאַגלייט אַנשלען...

— דוכט זיך אַ גרויסער זומערדיקער טאָג ביי גאָט, און ס׳איז שוין באַלד ווידער נאַכט.

דערציילט, וואָס טוט זיך אין שטעטל?

די אַלטע שול שוין געזען? וואָס ווילן זיי נאָך? מיר האָבן אַ מרחץ, להבדיל. אַ חזן. און דער רב איז גאָר אַ שיינדל... אַ גוטער איד... מען פּאַרט זיך בענשן ביי אים כ׳לעבן ס׳איז כדאַי איר זאָלט קענען אונזער רב. היינטיקן שבת־צו־נאַכט איז אַן אַסיפה ביים רב... מיר ווילן איינשטעלן אַ בית־יתומים. קומט און באַ־פריינדעט זיך מיט אונזערע אידן... —

הלל האָט ארויסבאַגלייט אַנשלען נאָכגעקוקט ווי גרינג ער האָט געפירט דאָס וועגעלע... — ער האָט היינט אַ ביסל איבערגע־כאַפּט די מאָס: צופיל געאַרבעט. ער פילט ניט קיין גאַנצן גליד. אויך האָט אים אַנשל צערודערט... ער איז גערעכט! אַ איד דאַרף זיך אַזוי ניט פירן אַן אַ בעל־הבית׳טע. בפרט ווען זיינע קינדער זיינען ווייט פון אים. זיי זיינען אַלע אויסגעגעבענע, מיט זייערע אייגענע משפחות, זאָלן געזונט זיין. ווען עס מאַכט זיך אים אַ אידענע אין זיין עלטער... אַ ווירטין, אַ שטילע, וואָלט אפשר געווען ניט קרום. זאָל ער זיך אַ ביסל ארומטאָן מיטן פעלד, מיט דעם הויז, וועט ער זיך פון אַנשלען לאָזן ריידן אַ שידוך... זומער איז די וועלט אָפן, די הענט זייבען פאַרנומען, די טעג שווינדן... אָבער אום ווינטער לעבן איינער אַליין אין אַ גרויס פוסט הויז אויפן פעלד — איז אַן

אין וועג

אומרעכט צו זיך און צו גאָט. ער וויל זיך מישב זיין מיטן רב... מען טאָר ניט שטעלן אַלץ אויף זיך...

ער איז געגאַנגען אין הויז אריין. אויף מאָרגן האָט ער ניט וואָס צו פּלאַנעווען. עס וועט אים קוים קלעקן מאָרגנדיקער טאָג אויף צו שניידן דאָס גראָז. ער זאָל כאָטש פילן בכח מאָרגן?... ער פילט ניט קיין הענט און קיין פיס. און דער קאָפּ טוט אים וויי. אינמיטן טאָג, ווען די זון האָט געברענט, האָט ער געדאַרפט זיצן אין שאָטן...

ער האָט זיך קוים דערקליבן צום בעט און מיט מידע פאַר־שלאָפענע הענט זיך אויסגעטאָן.

דורך דער האַלבער נאַכט וואָס ער איז געשלאָפן, איז ער באַ־פאַלן געוואָרן פון חלומות...

איין חלום: ווי ער האָט זיך אָוועקגעלאָזן צו זיינע קינדער... אויפן מיטן ים האָט געכאַפּט אַ גרויסער שטורם. דער קאַפּיטאַן אין ווייסן אָנגעטאָן, האָט אים געהייסן זאָגן תהילים. דער קאַפּיטאַן איז געווען זיין עלטער־זיידע זכריה... — ער האָט זיך געטרייסט: וואָסערן זיינען אַ גוטער חלום... סוף כל סוף, וועט ער מוזן פאָרן צו די קינדער. דער טאַטע האָדעוועט די קינדער, שטעלט זיי אויף די פיס. אָבער ווען זיי ווערן גרויס און זיי צעפליען זיך, דאַרף דער טאַטע איבער אַלע ימים זיך שטרעקן... לעבן אייגענע קינדער דאַרף מען אויסלעבן די יאָרן. זאָל ער נאָר זיין בשלום, וועט ער זיי אין די קומענדיקע בריוו אָנווינקען... גאָט האָט אים געבענטשט מיט געראָטענע זין. ניט אומזיסט אָוועקגעגעבן זיינע כחות... אָבער ער איז באַלד פון זיינע בערג געדאַנקען אַראָפּגעפאַלן אין טאָל. די אַלע חלומות האָבן אים באַאומרואיקט... זאָל ער ניט אריינפאַלן אין אַ פאַרליינגערטער קראַנקשאַפט. ער האָט ניט מורא פאַר שטאַרבן, אויב זיינע טעג האָבן זיך געענדיקט.

זאָל גאָט צונעמען זיין נשמה אָן מאַטערניש. פאַר קראַנק זיין האָט ער מורא. ער איז דאָ עלענד, ווי אַ שטיין. א גלאָז וואַסער

חיים פעט

האָט ער ניט ווער עס זאָל אים דערלאַנגען. — מען טאָר זיך ניט אָפּ־לאָזן... עס וועט נאָר אָנפאַנגען ליכטיקן, וועט ער זען וואָס ער האָט צו טאָן...

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, און כאָטש ער איז ניט געשלאָפן, איז ער אויך ניט געווען וואַכענדיק. עס האָט אָנגעהויבן בלויען אויף טאָג, איז ער אראָפּ פון בעט, זיך איינגעוויקלט אין קאַרטענעם כאַ־לאַט. אויף די פּיס געוואָנטענע שטעק־שיך. צום אַלעם ערשטן האָט ער אויפגעזאָדן וואַסער. דאָס געקאָכטע וואַסער אריינגעגאָסן אין אַ גלאָז, אַריינגעטאָן אַ לעפעלע זאַלץ. מיט דעם אָפּגעקילטן זאַלץ־וואַסער געשווייינקט דעם האַלז, געגאָרגלט. דערנאָך האָט ער איינ־געוויקלט אַ טיכל אין עסיג. דאָס טיכל גוט אויסגעדרייט, פאַר־בונדן שטייף דעם קאָפּ. ער האָט פאַרבריט אַלטיי־בלעטלעך צום מאָגן... —

ס'איז גוט וואָס ער האָט די אַלע זאַכן אונטער דער האַנט. דאָס ווייזט, אַז אַ מענש דאַרף ניט גיין ווי אויף אַן אייזערנער בריק...

די אַלטיי האָט ער געלאָזן גוט און שטאַרק אַנציען. ער האָט זי געטרונקען מיט איין אָטעם־צוג ניט צו פילן די נודנאָסט...

ער וועט זיך איצט אַרויסכאַפּן אויף אַ מינוט אין דרויסן, אַרויס־לאָזן זיין חד-גדיא אויף דער פּאַשע. עס זאָל אים נאָר ווערן גרינגער, איז היינט נאָך קערט ער איבער דאָס געשניטענע גראָז. דערווייל איז רעכט זיך פאַרנעמען מיט שטוביקער אַרבעט.

ער האָט אַרויפגענומען דעם קאָשיקל קאַרשן אויפן טיש; אויס־געקליבן די בלעטלאך, די דינע שטעקעלאך, און די קאַרשן אי־בערגעוואַשן. דורך אַ לייקע וואָס ער האָט געמאַכט פון פּאַפּיר האָט ער די קאַרשן אַריינגעטאָן אין די בוטליעס. פאַרשאָטן מיט צוקער און פאַרבונדן די העלזלאך מיט ווייסע שטיקלאך לייוונט, האָט ער צושטעלט די בוטליעס אויפ'ן פענסטער קעגן דער זון... ער וועט זיך נאָכפרעגן ביי אַנשלען: וואו מען קען איינקויפן ספּירט. מען

אין וועג

מוז אויף דעם צוקער פאַרגיסן ספּירט, אַניט קענען זיך אָנקלייבן ווערים...

ער האָט זיך ניט אַרומגעזען ווי דאָס פאַרשיטן די פינף בוטליעס, האָט אַוועקגענומען איבער אַ האַלבן טאָג. ער האָט געפילט צעוואַרעמט און דערפרייט. עס וועט זיין מיט וואָס מכבד צו זיין אַ גאַסט, אויך אויף אַ רפואה...

ער האָט פאַרמאַכט אַלע פענסטער. זיך איינגעדעקט אין בעט ביז'ן נאָז. ס'איז גוט וואָס ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין בעט, דער שלאָף נידערט איבער אים...

אויפגעכאַפּט און זיך גלייך איבערגעטאָן אין טרוקענע וועש. דער קאָפּ איז אים געוואָרן לייכט. די ווייטאָגן פון די גלידער אַרויסגעצויגן. די ליפּן פייכט, אין מויל רייןן, חוץ אַ שוואַכקייט אין די הענט און אַרום האַרצן.

אַ שיין ביסל האָט ער איינגעשלאָפן...

אַ נייער טאָג ווערט געבאָרן. מען דאַרף זיך שטאַרקן... עס וואַרט אויף אים פיל אַרבעט. איצט איז די רעכטע צייט, כל זמן די טעג זיינען גרויסע און וואַרעמע. ער וועט זיך היינט פאַרנעמען מיט קליינינקייטן: איינקויפן ברעטער פאַרן צאַם, פאַרב. פאַר איין גאַנג זיך זען מיט אַנשלען. ער וויל זיך מיט אים דורכשמועסן. אַנשל האָט געפונען אַ סך חן ביי אים.

אם ירצה השם איבעראיאָר וועט ער זיך איינשאַפן אַ פּאָר בינשטאָקן. אויך דעם גאָרטן פאַרברייטערן. פאַרפלאַנצן נאָך ביימער. מולטן טאַבאַק פאַרזייען. — ער האָט זיך ביז אַהער געשלאָגן ווי אַן אָפּגעריסענע ברעט פון אַ שיף אויף די בייזע כוואַליעס... דאָ מוז ער זיך איינוואָרצלען, זיך פאַרשרויפן. מיט אייגענער מי זיך איינבויען און פאַרפונדעווען. די קלענסטע באַשעפעניש האָט דאָך איר היים... —

ער איז אַרויס פון שטוב. דער זומערדיקער דרויסן האָט אַ ווייַ געטאָן אויף אים מיט פרישקייט. דאָס פעלד אין פריען טאָג

חיים פעט

האָט זיך געוועקט צום לעבן. פייגעלאך זיינען איבערגעפלויגן פון איין בוים צום צווייטן. זיי זיינען געפלויגן אין שליחות אָנצוזאָגן איינע די אַנדערע, אַז אַ מענש האָט זיך באַוויזן פרי אין פעלד...

ער איז געגאַנגען דורכן שטעג, אויסגעמיטען איינגעצן די פיס אין דער ראָסע. ער וועט אויסקלייבן אַן אָפּענעם פּלאַץ, קעגן דער זון זיך זעצן... —

ער פילט ווי עס באַנייען זיך אים די כוחות. דאָס גיין אין שטעטל, קען ער אָפּלייגן אויף אַ צווייטן טאָג; ווען זיין פאַרקילונג וועט זיך איינגאַנצן אויסשטיין. ער דאַרף איצט זיין אַליין דער דאָקטאָר. ער מוז זיך צוהערן וואָס זיין האַרץ זאָגט אים... טיף אין אַ מענשנ׳ס האַרצן ליגן פאַרבאָרגן די געזעצן און וועגן פון גאָט... ער האָט זיך גיך אַרויסגעמאַכט פון דער לייכטער פאַרקילונג, ווייל ער האָט זיך ניט אָפּגעלאָזן. דער חלום, אין וועלכן ער האָט געזען זיין עלטער־זיידן, איז געווען פאַר אים אַ געפאַר־סיגנאַל...

די זון האָט געוואָרעמט, חיות און פרישקייט געגאָסן אין זיינע גלידער. אויך די שטילקייט און גערוימקייט האָבן אים היילונג און בטחון געגעבן...

ער איז געזעסן מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן... זיך איינגעהערט אין זיינע געדאַנקען, וואָס זיינען אָנגעשוואָומען אין זיין קלאָרן קאָפּ. מיט פאַרמאַכטע אויגן זעט מען דאָס פאַרגאַנגענע אויסגערויכערטע לעבן ווי אויף אַ העלן פאַן... —

געעפנט די אויגן, געפילט פאַרשעמט: פוסטע געדאַנקען קומען, ווען מען זיצט מיט פאַרלייגטע הענט... —

ער האָט זיך אויפגעהויבן, זיך געלאָזן גיין איבערן פעלד. מיטן שטעקן פון דער גראַבליע געקערט די אָפּגעשניטענע גראָזן. אויבן זיינען די גראָזן געווען טרוקן, אָפּגעבלייכט ווי דינע לאָקשן, אונטן פייכט און אָפּגעוויאַלעט. אויך די אָפּגעשניטענע גראָזן האָבן זיך אין די פּאָר טעג אַ הויב געטאָן. עס וועט דויערן עטלאָכע וואָכן — און די קאָסע וועט זינגען אין זיינע הענט... דערנאָך וועט קומען

אין וועג

יעסן מיט די פּאַרוויינטע טעג, מיט קאַלטע בייזע ווינטן. דאָס פּאַר־דאַרטע פעלד וועט וואַרטן ,דער וויסער שניי זאָל עס צודעקן, מען זאָל ניט זען זיין נאַקעטקייט. די בוימער טוען אויס זייערע בלע־טער. די צווייגן אָן פּרוכט, אָן פייגל, הענגען אויסגעשטרעקט פּאַר׳יתומ׳ט. —

וואָס טראַכט ער? מען דאַרף זיך צויאָגן, אויסלייגן דעם וועג צום טייך. אויף דעם שמאָלן, קרומען שטעג וועט זיין אַ סכנה אין אַ שניי, אויף אַ גליטש...

ער האָט געקערט מיט קוראַזש די אָפּגעשניטענע גראָזן.

לעבן גאָרטן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געגאַנגען צו די בייטן. צווישן די ברייטע, שטעכיקע, גרינע בלעטער, זיינען געלעגן שמאָ־לינקע אוגערקעלאַך. ער האָט אָפּגעשציפּעט אַן אוגערקע ביים נאָפּל; מיט אַ ריין נאָזטיכל אַראָפּגעריבן די שוואַרצע שטעכערלאַך. אויפן קול געמאַכט אַ ברכה האָט ער איינגעביסן די אוגערקע: אָנגעגאָסענע פּאַטיקע; קליינע געשלאָסענע יאָדערלאַך אינווייניק... דריי פיר אָפּקלייבן וועט ער פּאַרקויפן. דעם לעצטן אָנקלייב איינ־זאַלצן — וועלן זיי סטייען ביז איבער אַ יאָר... די אוגערקעס קען מען ניט פּאַרגרייטן... זיי טראָגן אויף זיך אַ זומערדיקע גרינע הויט. די צעקריכן אין פּעסל... אויך אַ מערן האָט ער אַרויסגעצויגן. מאָדנע, ער האָט דעם מערן אַרויסגעצויגן פון דער שוואַרצער ערד; אָבער דער מערן האָט געבלאַנקט ווי געשייערטער קופּער. ער וואָלט זיך איצט מחיה געווען מיט אַ מערן צימעס... אין אַ וואָך אַרום מוז ער דעם גאָרטן אויסיעטן נאָך אַמאָל. די ווילדע גראָזן שמאָקטשיען אויס דעם קליאָק פון דער ערד. אַפילו קיין כריין וויל נאָכדעם ניט וואַקסן... —

מאָרגן מוז די היי אויפגעשאַרט ווערן אין קופּעס, דערנאָך אין אַ סטאָג. דעם סטאָג באַדעקן מיט שטרוי, דער רעגן זאָל זיך אַראָפּגליטשען. עס וואָלט ניט געווען קרום, ווען ער קויפט זיך איין אַ פּאָר סטאָסן האָלץ. ביז ווינטער זאָל זיך דאָס האָלץ טרי־

חיים פּעט

קענען. מען דאַרף זיך פאַרגרייטן אויף ווינטער... ער וויל אויך איינקויפן אַ פערד. אַ פערד איז אַ געטרייע פלייסיקע חיה. ער וויל טאַקע אַליין אָנפירן האָלץ פון וואַלד. די וועלט ווערט ברייטער, ווען מען האָט אין שטאַל די פיר־פיסיקע חיה... — מען קען אַ פאָר טאָן אויף אַ יאַריד, אין אַ ווייט שטעטל. ס'איז אויך פריילאַכער, ווען די בהמה מוקעט און דאָס פערד הירזשעט אין שטאַל. זיי מאָנען, בעטן אויף זייער שטומער שפראַך... און דער מענטש פאַרשטייט זיי... גיך איז היינט דער טאָג אַנטלאָפן. ער וועט זיך פרי לייגן שלאָפן. מאָרגן פאַנגט ער אָן אויסלייגן דעם וועג צום טייך. אַ שיינע פאָר וואָכן דאַרף קאָסטן דער וועג... ער וויל זיך אויך אַריבערכאַפּן צו שלומ'לס טאַטע, זיך נעמען אַ מאָס אויף אַ פאָר שטיוול. ווינטער וועלן זיינע שיך און שטיבעלעטן שטיין אויף דער פּאָליצע...

אין שטוב איז דער פאַרנאַכט געווען געדיכטער, ווי אין דרויסן. די שויבן טונקל בלוי. אונטערן בעט איז שוין געווען די פולע נאַכט. אויך אין די ווינקלען איז די נאַכט אָנגעקומען.

הלל האָט אַ קוק געטאָן אויפן לוח, אויפן זייגער. די טעג זיינען שוין קירצער. די צייט שטייט ניט! — פאַר אַ געזונטן מענשן איז דער זומערדיקער טאָג צו קורץ. די נאַכט איז אַ הפסקה אָנצוקלייבן כוחות אויף מאָרגנדיקן טאָג. דער שלאָף ליידיקט אויס דעם מענשן פון די דאגות. אין שלאָף טראָגט מען זיך אַוועק צו גאָט. די נשמה פליט אַרויף אין די הימלען. דאָרטן ווערט זי גערייניקט און באַהעפט זיך צוריק צום קערפּער אַ לויטערע...

זיך אויפגעכאַפּט מיטן טאָג צוגלייך: מונטער, פריש און מוטיק. דאָס קאַלטע וואַסער, מיט וועלכן ער האָט געוואַשן דאָס פּנים, דעם האַלז, האָט פאַרדאָפּלט זיין פרישקייט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל: זיין פּנים אָפּגעברענט, אויסגעווינטיקט. די אויגן לויטער, אַ סך יוגנט־פרייד אין זיי... אָבער אויך די עלטער שוויגט ניט. אין באָרד זיינען צוגעקומען ווייסע

אין וועג

פעדים — פאָרן גיין אין שטעטל וועט ער די באָרד צושערן... אויך די האָר אויפן קאָפּ זיינען ווילד און לאַנג. ער וויל פאַרבעטן דעם שערער צו זיך אין שטוב. אים אַרט ניט עס זאָל קאָסטן עקסטראַ...

ער האָט אַרויסגענומען אַ שערל פון זיין קעסטל געצייג. ער האָט אַפילו ניט קיין צייט זיך פאַנאַנדערפּאַקן. ער מוז באַשטימען אַ פּאָר טעג, ברענגען אין אָרדענונג אַלע מכשירים און געצייגן. אויך דעם שטויב וואָס ליגט גראָב אויף די פּאָליצעס אין די אַלמערס מוז ער אויסראַמען. ריינקייט פאַרלענגערט די יאָרן...

ער האָט פאַרזיכטיק קעגן שפּיגל אונטערגעשאָרן די באָרד און מיטן ברויגעם ביינערנעם קאַם אויסגעקאַמט. ער האָט אָנגעגרייט די שבת׳דיקע קאַפּאָטע, דעם קאַפּעליוש און די כראָמאָווע שטיבעלעטן.

אָבער איידער ער וועט זיך לאָזן אין שטעטל וועט ער אָנצייכענען מיט שנורן דעם וועג... —

אַריינגעשלאָגן אין דער גאַנצער לענג פון שטוב ביזן טייך פּלעקלאַך, האָט ער איבער זיי פאַרצויגן שפּאַגאַט. —

דאָס ווייזט אים, ווי ברייט ער דאַרף גראָבן דעם וועג... און די שנורן צייכענען די גלייכקייט, ווי הויך ער זאָל אָנשיטן דעם וועג. דער וועג מוז אַרויסקומען גלייך ווי אַ טיש... — אויך אין הארצן דאַרף אַ מענש זיך אויספּלאַסטערן אַ גלייכן וועג...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט קוקן אויף די לאַנגע אָנגעצויגענע שנורן. אין זיין דמיון שוין געזען דעם וועג אַ פאַרטיקן. אויסגעשטעלט מיט אָפּגעקאָלכטע שטיינער. צווי גראָבנס ביי ביידע זייטן וועג...

אויף אַזאַ אַרבעט דאַרף ער זיך גוט אונטערגאַרטלען...

— גאָט האָט איינמאָל באַשאַפן די וועלט און דער מענש דאַרף אַלעמאָל שאַפן... אפילו די שטיינער אין זיין פעלד וועלן אים ברענגען נוצן. אויך דאָס פעלד וועט זיך אָפּרייניקן פון די האַרטע נפשות...

ער איז אַריין אין הויז, געוואַשן די הענט און זיך גענומען איבערטאָן אין זיינע יום טוב׳דיקע קליידער...

חיים פעט

— פונקט ווי ער יאָגט זיך גאַנצע טעג אין הויז און אין פעלד, אַזוי איז ער איצט געגאַנגען פּאַמעלאַך און באַקוקט יעדע שטוב.

ווען ער איז אָנגעקומען אין מארק צווישן די קראָמען, האָט אים אַנשל דערזען.

— אַ גאַסט! זיי ווייזן זיך גאָרניט.

— ניטאָ קיין צייט, רב אַנשל! ווינטער וועלן מיר זיך זען אָפטער.

— יע, דער ווייסער פעטער פאַרט שוין ערגעץ וויט אויף שליטנס. ס'איז גוט וואָס זיי האָבן זיך געצייגט. מיין אשת־חיל פאַר־בעט זיי אויף פרייטיק נאַכט. איך וואוין דאָ דערנעבן — האָט אַנשל אָנגעוויזן מיט דער האַנט.

— דאַנקט אייער פרוי פון מיינטוועגן. זאָגט מיר, רב אַנשל, וואו קען איך דאָ קויפן ברעטער, פאַרב? איך וואו וואוינט מרדכי דער שוסטער?

— אין אונזער קליינער ירושלים איז, ברוך־השם, אַלץ דאָ... בפרט אַ איד וואָס וויל געבן צו לייזן...

הלל איז צוגעקומען צו מרדכי'ס אַלטער געבויגענער כאַטקע, געדעקט מיט אַ שטרויענעם דאַך. די קליינע פענסטערלאַך זיינען געווען אָפן. די נידעריקע טיר צעפּראַלט. — ער האָט זיך איינגע־בויגן, אַריבערגעטראָטן דעם שוועל: די נייגעריקע אויגן פון קינדער האָבן אים אַ באַק געטאָן מיט פאַרשעמטקייט און וואַרעמקייט... —

עס האָט זיך באַוויזן מרדכי אין גראָבן פאַרטוך, מיט פאַר־שוואַרצטע גרויסע הענט. די קינדער זיינען פריילאַכער געוואָרן, ווי טויבן זיך געטוליעט.

— וואָס וועט איר זאָגן גוטס?

— איך וויל זיך לאָזן מאַכן אַ פּאָר שטיוול.

מרדכי האָט צוגערוקט אַ ביינקל לעבן וואַרשטאַט.

— זייט אַזוי גוט, טוט אויס דעם רעכטן שוך. — אין איין גאַנג זיך אַ ווענד געטאָן צו שלומ'ען זיין זון, וואָס איז געזעסן פאַרשעמט...

אין וועג

— ריר זיך, קדיש מיינער! ברענג אַריין אַן אַלטן גאַזעט.

שלומ'ל האָט אַריינגעבראַכט דעם גאַזעט און מרדכי האָט מיטן שאַרפן שוסטער־מעסערל אָפּגעטיילט אַ שמאָלן פּאַס פּאַפּיר. ער האָט מיט דער מאָס אַרומגענומען הלל'ס געלענק פון פוס. מיטן נאָגל אָנגעריסן דאָס פּאַפּיר. אָנגעצילט פון פּיאַטע ביז די שפּיצן פינגער, אַביסל צוגעלאָזן. אויך אַרומגענומען די ברייט פון פוס און געמאַכט אַ סימן... ער האָט אַ נישטער געטאָן אויפן וואַרשטאַט: — דאָס פּיצל בלייפעדער אַ נעץ געטאָן אין מויל:

— אויף ווען ווילט איר דאָס האָבן פאַרטיק?

— איילט זיך ניט! דער עיקר מאַכט געראָם, גיט גוטן יוכט.

— זייט מיר מוחל, רב איד, ווי אַזוי האָט איר געטראָפן צו מיר?...

— פרעגט אייער שלומ'לען, ער זאָל אייך זאָגן ווער איך בין... איך האָב דאָס אָפּגעקויפט קיילעס שטוב לעבן טייך.

מרדכי האָט אַ קוק געטאָן אויף הלל'ן מיט דרך־ארץ:

— זאָל אייך זיין מיט מזל. ס'איז מיר באַשערט אייך צו קענען. וויל איך אייך בעטן אַ געפעליקייט: טאָמער נויטיקט איר זיך ברענגען אין לאָד אייער הויז? קען איך שיקן מיין עלטסטע טאָכטער אויף אַ פּאָר שעה. איר אויפראַמען שפּיגלט!... וויפיל די באַלוינונג זאָל זיין וועט זיין גוט. ס'איז שווער אַליין אויפצוהאַלטן אַזאַ געזינדל, זאָלן זיי לעבן...

— ניט אויף אַ פּאָר שעה, נאָר אויף עטלאַכע וואָכן אַרבעט קען איך פאַר איר געפינען. זאָל זי קומען! זאָל זי קומען!...

הלל האָט זיך געאיילט פון איין קראָם אין דער צווייטער. אין דער אייזן־קראָם אַלערליי טשוועקעס איינגעקויפט. אויך נייע מינים זאַוויעסעס, קופּערנע קליאַמקעס, פאַררוקערס; קייטלאַך — גרויסע פאַר די טירן, קלענערע פאַר די פענצטער. אויך אין דער גאַלאַנטעריי קראָם האָט ער נאָכגעקוקט אין צעטל וואָס ער האָט אויסגעשטעלט... אינם טאַרטאַק זיך מער פאַרזאַמט. ברעטער דאַרף מען

חיים פעט

גוט נאָכקוקן פון וואָס פאַראַ סאָרט האָלץ זיי קומען... צי זיי זיינען ניט דורכגענומען מיט סוקעס. אויך די גרעב און די ליינג רעכנט זיך אַ סך... ווען ער איז אריינגעפאַלן אין בית־מדרש, איז שוין דער בעל־תפילה געשטאַנען ביים עמוד. אָבער הלל האָט ניט פאַרפעלט קיין איין וואָרט אין דאַווענען. ער האָט צוגעאיילט זיין זאָגן אין סידור און זיך געפילט פאַרשולדיקט און פאַרשעמט. גרויס פרייד האָט אים באַהערשט ווען ער האָט דעריאָגט דעם בעל־תפילה, און ווען ער האָט מיטן זעלבן ניגון, צוזאַמען מיט די איבעריקע דאַוונערס, געקאָנט זאָגן די תפילות מיט כונה...

ארויסגייענדיק פון בית־מדרש, איז ער געווען באהערשט פון שבת׳דיקער רו און פרייד. עס איז גוט וואָס אַנשל האָט אים פאַרבעטן צו זיין טיש. אינמיטן וואָך ווען ער מיט זיך אַ לאַנגן זומערדיקן טאָג, איז דאָס טרוקענע עסן אים זיס, דאָס בעט ווייך. אָבער ווען עס קומט שבת, — בייגקט זיך נאָך אָנגעצונדענע ליכט, נאָך פראַווען די שבת־סעודה מיט נאָך אידן...

אַנשל האָט אים איבערגעשלאָגן זיין טראַכטן:

— גוט שבת, רב הלל! קומען זיי מיט מיר. די וואָכעדיקע טעג גייען ביי מיר אַוועק אין טומל, אין דאגות. אָבער אַז ס׳קומט שבת, ווערט ליכטיקער אויף דער נשמה. ווער רעדט, אַז איך האָב אַזאַ אָנגעלייגטן גאַסט...

אַנשל האָט געעפנט די טיר פון זיין הויז.

— קומט, קומט אריין! איר זענט העכסט געוואונטשן, — איז אים אַנשל׳ס פרוי געקומען אַנטקעגן.

הלל האָט ניט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן. פון אַנשלס אַריימער, טונקעלער קראָם איז ער אריינגעפאַלן אין אַ גרויסער ליכטיקער שטוב. דער לאַנגער טיש איז געווען געדעקט אין אַ ווייסן סערוועט מיט קווייטן. די שטולן ארום טיש — פון געדרויכערטן האָלץ. פאַרהאַנגען איבער די פענצטער: לאַנגע, דינע, געבלענדטע פון

ציכטיקייט. איבער דער פאָדלאָגע אַ טעפּיך פון רויטן פּליוש — יעדע האָר ווי געטונקען אין ווייַן. דער סופיט הויך געוועלבט, מיט שווערע קאַרניזן.

— זיסל! ברייַנג צו וואַסער — האָט אַנשל ווייך און שטיל געזאָגט. — וואַשט איר די הענט אַף צופּריער. אַנשל און זיסל האָבן נאָכגעקוקט, ווי הלל האָט מיט דער גרויסער קופּערנער קוואָרט אָפּגעגאָסן ביידע הענט, איבער דער געשירענער וואַש־שיסל; אַ טראָפּן וואַסער ניט פאַרשפּריצט. מיט אַ ברעג האַנטוך האָט ער אָפּגעטריקנט די פינגער.

— קידוש מאַכן זאָל אונזער גאַסט — האָט זיסל ניט דרייסט פאַרגעשלאָגן.

מיט אַ שטילן לייכט־אומעטיקן נגון, ציילנדיק ווי פּערל יעדן וואָרט, האָט הלל דעם קידוש געזאָגט. און אַנשל מיט זיסלען האָבן הויך אויפן קול געענטפערט „אָמן".

זיסלען איז אַפילו געפעלן, ווי דער איידעלער ליטוואַק עסט: קליינע שטיקלעך געפילטע פיש צילט ער אָן אויפן שפּיץ גאָפּל. און ער טונקט די חלה אין די יויך.

— נעמט נאָך אַ ביסל ווישניאַק — האָט זיסל געמונטערט הללן. — ס'איז וויַיבערשער בראָנפן. און וואָס עסט איר אַזוי ווייניק? עס דאַרף אייך שמעקן, איך בין כמעט ווי אַ ליטוואַטשקע...

— אַ געזונט אין אייך! איר האָט אַוועקגעשטעלט אַזויפיל מאכלים. מיטן בלויזן אויג קען מען זאַט ווערן... מיר דוכט, איך בין שוין דאָ אַ תושב פון כמה יאָרן. יע, דער מענטש געוואוינט זיך צו, ווי די שטוב־חיה, צו זיין ווינקל. די גרויסע וועלט איז גוט צו באַרייזן, צו זען... און דערנאָך זיך אומקערן צום אייגענעם ווינקל און בלייבן איינגעפּלאָנצט ווי דער בוים, ווי דער ברונים אין זיין בעט. פויגל פליען דורך טויזנטער מיילן, דורך מדבריות און ימים, צוריק צו זייערע נעסטן...

— אַ געזונט אין אייך, איר רעדט תורה רייד... אָבער איך זע

חיים פּעט

אַז די נייע צייט גייט קעגן אונז. די שטעטלאך זענען פּוסט. די יונגע זין און טעכטער זענען צעפלויגן. געלאָזן די עלטערן פאַר־וואָרלאָזטע און עלנד... ווען מיין אַנשל פאָלגט מיך, לאָז איך דאָ איבער האַק און פּאַק, ווייל מיין האַרץ איז מיט די קינדער...

— וויפיל קינדער האָט איר, זאָלן געזונט זיין, אין אַמעריקע?

— גיט אַ קוק אויף די ווענט... ווען איך בין אַליין און ס׳איז שטיל, קוק איך אף די פאָטאָגראַפיעס: — און עס כאַפּט מיר ארום אַ ציטעניש. ס׳איז גוט צו זיין אַ טאַטע! אים אַרט ניט, אַבי ער הערט פון זיי. און ווער רעדט, ווען זיי שיקן אים אף די יום־טובים אַ פּאָר דאָלער, ווער איז צו אים גלייך?...

— גאָט פירט די וועלט מיט אַ סדר — האָט זיך אַנשל אָפּגע־רופן. — ווען די הינדלעך זענען קליין, פירט זיך מיט זיי ארום די מאַמע הון. זי צעשאַרט פאַר זיי די ערד, וואַרעמט זיי אונטער אירע פליגל. אָבער אַז זיי וואַקסן אונטער, פּיקט זי זיי אין די קעפּלעך, ווי איינער זאָגט: איך האָב אייך געשטעלט אויף די פיס... איצט זוכט זיך אַליין פּרנסה...

— פאַרגיט מיר וואָס איך דרימל. די שווערע אַרבעט, דאָס פעלד מאַכט שיכור. אויך ווייט פון אַ יונגן־מאַנטשיק... אייך, זיסל, קומט אַ לויב: פאַר אייער ריינער היים. אויך פאַר אייערע מאכלים. איר האָט מיר אריינגעפּאַסט אַ נשמה יתרה... — קומט אַריבער מאָרגן בייטאָג מיט אַנשלען, וועלן מיר צוזאַמען האָבן עונג שבת.. אויך, רב אַנשל, גיט איבער דעם רב, אַז איך וועל ניט קומען דאָס מאָל צו דער אַסיפה. מיין הויז איז אָפּגעלאָזן. עס בעט זיך אַלץ איבער־רעמאָנטירן. אָבער איך וועל צוטראָגן אַ באשטייערונג אויפן בית־יתומים...

אַנשל מיט זיסלען האָבן אים ארויסבאגלייט פון הויז:

— קומט אָפטער צו אונז!...

ווען הלל איז צוגעקומען צו זיין הויז, האָט ער זיך אַ ביסל

אין וועג

אָפּגערוט פון דעם שנעלן גיין. געקוקט אויף דעם נאַכטיקן פעלד, וואָס איז געלעגן פאַרהילט ווי אין טיפן סוד... און איבער דעם גע־הילטן, זומערדיקן, נאַכטיקן פעלד אַן אויסגעשפּרייטער הימל פאַר־שאָטן מיט שטערן.

אַ שאָד גיין שלאָפן אין אַזאַ נאַכט. ווען ער איז אינגער, זיצט ער אינדרויסן ביזן ווייסן טאָג...

— — — — — — — ס'איז שוין ווידער שבת. די זון גייט איר גאַנג. פיל פליגלדיקע באַשעפענישן אַרבעטן אין די גראָזן. נאָר דעם מענטשן האָט גאָט אויסדערווײלט צו רוען שבת... מיט אַן אויפגעלייגט לײלאַך איז ער ארויס צום טייכל. דאָס לײלאַך פאַר־שפּרייט אויפן גראָז, האָט ער אויסגעטאָן די שיך און געבליבן אין ווייסע זאָקן. געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און נאָכגעטראַכט וועגן די רייד אין אַנשלס שטוב...

— אַ אידענע מיט אַזאַ געשטעלטן שכל... זי איז גערעכט: די וואָס האָבן זייערע קינדער אין דער ווייטער וועלט, דאַרפן פאָרן צו זיי. אַזוי איז די וועלט געשטעלט געוואָרן: דער טאַטע מיט דער מאַמען שטעלן די קינדער אַף די פיס. דערנאָך אַף די עלטערע יאָרן קומען די זין און טעכטער לענען זייערע פלייצעס, שיצן זייער טאַטע מאַמע. קיילע האָט געטאָן קליגער ווי פרימער... זי איז שוין אַוודאַי דאָרט... ער האָט זי געבעטן, זי זאָל אים אויסשרייבן פאַדראָבנע וועגן זיינע קינדער. זי וועט דאָס זיכער טאָן, ווען די אַלטע היים איז נאָך אַזוי פריש אין איר זיכרון... — — —

אַ שטילער מיאַוקען האָט אים צעשלאָגן פון זיין טראַכטן. ער האָט געעפנט די אויגן און געבליבן פאַרוואונדערט:

לעבן אים איז געזעסן די קאַץ. ער האָט זי געגלעט, האָט זי מיט תענוג געבורטשעט. זי האָט אויסגעצויגן דאָס העלזל, ער זאָל זי קראַצן. זי האָט זיך געקאַטשעט אויפן רוקן, געוואָלט אָנכאַפּן איר שפּיץ־עק. אויך די ציג האָט אים דערקאָנט: געמעקעט און

חיים פעט

געקוקט אף אים מיט די שטומע כשר'ע אויגן... יעדע חיה האָט שכל!... די קאַץ שרעקט ניט די הינער. זי רייצט זיך ניט מיט דער ציג. זי צילעוועט זיך האַלבע טעג צו כאַפּן אַ פויגל. זי מאַכט זיך געפּגר'ט, לייגט זיך אויס אויפן גראָז. בלויז שמאָלע שפּעלט־לאַך פון אירע אויגן זיינען אָפן... אָבער די פייגעלאַך לאָזן זיך ניט פאַרנאַרן. זיי האָבן ניט ליב די קעצענע פּעל...

ווייט איבערן וועג שפּאַצירן פּאָרלאַך: אידישע מיידלאַך און בחורים. זיי האַלטן זיך פאַר די הענט, ריידן גוטע רייד איינס צום אַנדערן... שעה'ן לאַנג שפּאַצירן זיי, ווייל אין זייערע יונגע הערצער ברענט דער גלויבן... אויך די מיטל־יאָריקע אידן מאַכן קורצע שפּאַצירן מיט זייערע ווייבער. זיי גייען אָפּגעטראָטן, ריידן ניט צווישן זיך.

אַמאָל געשטאַנען אונטער דער חופה. צוזאַמען קינדער גע־בראַכט אף דער וועלט... די זקנים, די זקנות זיצן אף די פריזבעס. אף די זקנימס ווייסע קעפּ — קרום ארויפגעטאָנענע יאַרמעלקעס. די קאַפּאָטעס צעשפּיליעט. אין די אָפענע ווייסע קאָלנערס פאַלן אריין די בערד. זיי זיצן שוויגנדיקע, טיף אין זיך פאַרטראַכטע. די גוזמא יאָרן ליגט אף זיי, ווי מאַך אף שטיינער. טיף אין בוזעם קלאַפּט נאָך אַ האַרץ... אין מוח באַוועגן זיך אָפּגעמעקטע דערמאָ־נונגען... דאָס איז דער סוף פון מענטשן, וואָס האָט געוואָלט איינ־שלינגען, איינהאַבעווען די וועלט...

איצט זיצן זיי, די אַלטענקע פרויען, מיט די שווערע שייטלען אף זייערע גענידערטע קעפּ. פון אונטער די לאַנגע, ברייטע קליי־דער שטאַרצן ארויס זייערע קני, ווי טעמפּע האַק־מעסערס. די קליינע פּנימלאַך, ווי געפּראָרענע עפּל. זיי הערן ניט, וואָס מען רעדט צו זיי. זיי לאַכן ניט. אין זייערע אויגן זענען אויסגעטריקנט די טרערן. זיי זיפצן שווער און קנאַקן זייערע טרוקענע פינגער. אַמאָל, אַמאָל, האָבן זיי זיך געסטרויעט, גע'חנ'דלט, געטריבן רכילות. עופעלאַך מיט וואַרעמע דורשטיקע פּיסקלאַך געהאַלטן צום האַרצן... — — —

אין וועג

ער האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען ארומשפּאַצירן.

גראָד אום שבת, ווען דער מענטש רוט, קומען צו אים אומעטיקע מחשבות...

עס קומען ווידער זעקס וואָכעדיקע טעג...

דער הימל איז געשטרייפט מיט רויטע פּאַסן, אַ סימן אויף ווינטן... — עס וואָלט ניט געשאַדט ווען עס לעשן זיך אַ ביסל די היצן. אָנצושיטן דעם וועג איז ניט קיין שפּילכעלע...

ער האָט שפּאַצירט אויף דער אַנדערער זייט צאַם, ביז די שטערן האָבן זיך באַוויזן אויפן הימל.

שטערן האָבן אויפגעשיינט, ווי נאָכגעקוקט די פולע לבנה, וואָס איז געשוואומען איבערן נאַכטיקן טונקל־בלויען הימל. די בוימער אויפן פעלד, דאָס טייכל, האָבן געשימערט פון גאָט'ס נאַכטיקע ליכ־טער. אַ לייכט ווינטל האָט זיך צעבלאָזן, אויפגערירט די בלעטער, די גראָזן. אויך דאָס שטילע וואַסער פונם טייכל צעהוידעט. די וואַסערן האָבן זיך געגאַרבט, געשאַרפט. זילבערנע וואַסער פונקען האָבן געשפּריצט.

קיין זאַך וועקט ניט זיין פאַרגאַנגען לעבן, ווי די נאַכט... די נאַכט טראָגט די סודות פון דער וועלט. אין דער שטילקייט און הילעניש פון דער נאַכט וועבן זיך אין האַרצן מעשיות אָן ווערטער...

אין דרויסן איז נאָך געלעגן פאַרטאָגיקע שטיקער צעריסענע נאַכט. די זון האָט דורכגעשאָסן די מזרח זייט הימל. די נעפּלען האָבן זיך צערוקט, ווי שווערע פאַרהאַנגען. איין שטערן, ווי אַ וועכ־טער, האָט געהיט די פאַרבלאַסטע לבנה. אין מחנות זענען די יונגע שטראַלן פון דער זון באַפאַלן די איבערגעבליבענע שטיקלעך נאַכט...

הלל האָט צועפנט די אַלמערס. ארויסגעקליבן די פאַרלאָזטע געפעסן, זיי צעלייגט אויפן טיש. ווען מרדכיס טאָכטער וועט קומען, זאָל זי שוין אַליין פאַרשטיין וואָס זי האָט צו טאָן...די געפעסן זענען אין טונקעלע קופּקעס געלעגן אויפן טיש — ווי זיך געבעטן, אַז גוטע

חיים פעט

געדולדיקע הענט זאָלן אַראָפּנעמען פון זיי די פלעקן. זיי ווילן שטיין אף די פּאַליצעס געריינקטע, גרייטע אויפצונעמען אין זיך הייסע, שמעקענדיקע מאכלים...

אין שטוב האָט ער מער ניט וואָס צו טאָן. מרדכי'ס טאָכטער וועט שוין אַלץ ברייננגען אין לאַד... ער מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג אויפן בוידעם.

ארויס אין פיר־הויז, איז ער ארויף אויפן לייטער, דורכן לייטער אויפן בוידעם. אַרויסגעצויגן די קנוילן שמאַטעס, וואָס האָבן פאַר־שטעקט די צווי פענצטערלאַך אין שציט. דורך די אָפענע פענצטער־לאַך האָבן אַ שלאַג געטאָן צווי זונען. דרויסן האָט אַ גלעט געטאָן זיין פּנים... אין רעגנדיקע טעג, אין זאַווערוכעס, וועט ער צוריק פאַרשטעקן די פענצטערלאַך. איצט זעט ער קלאָר, וואָס עס טוט זיך אויפן בוידעם. די טאָפּעלע פענצטער שטייען גראָב מיט שטויב. אַ קאַסטן פּסח'דיקע געפעס. גראַפינקעלאַך און כוסות אין גאָל־דערנע ראַנדן ווינקען ארויס פון דעם גרויסן הילצערנעם קאַסטן. דאָס פּסח'דיקע גלאָזוואַרג און פּאַרצעליי דערציילן, ווי די אידן זענען ארויס פון מצרים...

איבערן בוידעם זענען געלעגן צעוואָרפן פּאַלעניעס האָלץ. ער האָט זיי אויפגעטראָגן אין איין ווינקל.

ער איז צוגעגאַנגען צו די פאַרמאַכטע פליגלען פון דער סוכה, פעסט אריינגענומען די שטריק אין די הענט און מיט איינגעשפּאַנטע כחות אַ צי געטאָן. קוויטשען, קרעכצן האָבן דורכגענומען דעם בוידעם. און די פליגלען האָבן זיך קוים־קוים אָן עפן געטאָן, און צוריק צוגע־פאַלן שצילנע צום דאַך. די זאַוויעסעס פון די פליגלען מוז מען אָנשמירן. ער האָט פּאַמעלאַך אַראָפּגעראַמט דעם צעטריקנטן סכך, צונויפגעבונדן אין פעקלאַך: עס וועט זיין גוט אף אונטערהייצן דעם אויוון... — — — —

אַראָפּ פון בוידעם אָן איינגעמידטער, האָט ער זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד בעט. אין שטוב איז ניטאָ קיין רעכטער שטול. אויך

אין וועג

דער טיש איז אומגעלומפערט און ער שאָקלט זיך. דאָס בעט זינגט... ער קלייבט זיך אַ ליאַדע טאָג דאָס בעט צוסטרויען. ער וועט צו־פעסטיקן די לייסטלאַך און מיט פולערע ברעטער אויספילן די דעק...

איצט אַרט אים ניט. ער פּראַצעוועט זיך אָן יעדן טאָג, פאַלט ער אַוועק אויפן געלעגער... אָבער עס קומט אָן דער ווייסער ווינטער, מיט די לאַנגע נעכט... מען מוז אויסשטעקן די שפּאַרונעס פון די ווענט מיט מאָך דאָס הויז וועט ער ניט קענען דערהייצן. אויך מוז ער זיך האָבן מיט וואָס צו פאַרנעמען. ער וויל זיך איינשאַפן אַ קליין וואַרשטאַטל. ברעטער האָט ער איינגעקויפט איבער גענוג. ער וויל אַליין אויסשניצן שטולן,ביינקלאַך. און דעם הויכן שאָק־לענדיקן טיש משלח זיין... די הענט מוזן זיין פאַרנומען מיט נוצי־קער אַרבעט.

אַרבעט רייניקט דאָס פעלד, דאָס הויז, אויך דעם מענטשנס האַרץ...ער לאָזט זיך ניט פאַרפירן פון זיינע גלוסטעניש. ווי עס ווערט נאַכט, גייט ער אריין אין בעט. ער שטייט אויף ווי אַ ניי געבאָרענער: מוטיק, מיט פרישע כחות, מיט אַ קלאָרן קאָפּ וואָס מאַרקירט... מיט אַ חשבון: גייט אַלעמאָל די מלאָכה ספּראַווגער און אימפּעטיקער.

היינטיקער טאָג איז אים פאַרשוואונדן אונטער די הענט. ווען מען בויט זיך, מען פעסטיקט זיך איין, ווערט דאָס לעבן גרינגער, זיכערער. זיין מי וואָס ער האָט דאָ אריינגעטאָן איז גוט קאָנטיק. זיין שלאָפן רואיק און זאָט דורך די נעכט ווייזט, אַז זיין לעבן האָט געקראָגן אַ תיקון...

אויפגעשטאַנען פרי, האָט ער זיך פאַרקוקט דורך די פענצטער: אויף די אָנגעצויגענע שפּאַגאַטן, וואָס האָבן אָנגעצייכנט דעם וועג, זענען געשטאַנען שוואַלבן איינע לעבן די אַנדערע.

— ס'איז שיין צו קוקן אָף די קליינע פליגעלדיקע באַשעפעניש. איין שלמה המלך האָט פאַרשטאַנען זייער לשון... דאָס קלייבן זיי זיך שוין אין די פרימאָרגנס צו מאַכן מאַנעווורעס. זיי לערנען, גרייטן

חיים פעט

צו די יונגע שוואַלבן אָפּצופליען אין די ווייטע וואַרעמע לענדער... שעה'ן לאַנג שוועבן זיי אין ברייטע קרייזן איבערן פעלד און פּישצען האַרבסטיק.

ווען ער איז ארויס פון הויז, האָבן זיך די שוואַלבן אַ הויב געטאָן הויך אין דער לופטן. —

טיף האָט הלל איינגעגראָבן דעם רידל. די ערד איז געווען ווייך און נאָכגעביק. ער האָט גענומען אָפּראַמען די קליינע בערגלאַך און פאַרשאָטן די גריבער. די פרישע ערד איינגעטראָטן מיט די פיס און צוגעקלאַפּט מיטן רידל. — די פּאָר שפּאַנען וואָס ער האָט אויס־געגלייכט מיט די שנורן, האָבן אים קלאָר געוויזן דעם אויסקוק פון וועג. ער האָט ארויסגעלאָזט דעם רידל פון די הענט: אין טויער האָט זיך באַוויזן אַ דאַר, הויך מיידל פון אַ יאָר פופצן. הלל האָט זי גערופן.

— איך בין מרדכי דעם שוסטערס טאָכטער — האָט זי שטיל ארויסגערעדט.

— זייער פרי ביזסטו געקומען. ניט קיין פּוילערקע, ווייזט אויס. גיי אין שטוב, אויפן טיש שטייט אָנגעגרייט דאָס געפעס; צעשייער ריין און שטעל אויס אין אָרדענונג... דאַרפסט זיך ניט יאָגן. איך וועל דיר ניט מינערן פון פאַרדינסט...

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אירע גרינע, פריידיקע אויגן און מיט שנעלע, דראָבנע טריט פאַרשוואונדן אין הויז.

גאָט פאַרלאָזט ניט דעם אָרימאַן!... אַ יפת־תואר אין אַ פאַר־לאָטעט קליידל... —

ער וועט איצט צוזאַמענברייגגען די שטיינער פון פעלד. באַ־טראַכט דעם שטיין, וואָס איז געלעגן לעבן אים: ער האָט אויסגע־קוקט קליין און בייכיק. ווען ער האָט אים גענומען רירן, האָט דער שטיין מיט זיין שווערקייט צוריק געזונקען אין זיין פּלאַץ. נאָר הלל האָט ניט נאָכגעגעבן... ער האָט אים ארומגעקוקט פון אַלע זייטן, אַ נעם געטאָן מיט ביידע הענט, און אים ארויסגעקייקלט פון זיין

אין וועג

געלעגער. אונטערן שטיין איז געווען גרוביק, שוואַרץ און פייכט; אַ וואָרעם האָט זיך געצויגן און געזוכט אַ באַהעלטעניש...

געטראָגן דעם שטיין ביז צום וועג. ער וועט בעטן בא אַנשלען לייען זיין וועגעלע... ס'איז געגנוג שווער ארויסצוקייקלען די שטיי־נער פון זייערע געלעגערס... ס'איז טאַקע נאָר מקנא צו זיין דאָס יונגוואַרג...

אָט די צירעלע אַרבעט אין הויז און זינגט ווי אַ פויגל איר געזאַנג לאָזט אים ניט אָנגיין מיט דער אַרבעט... ס'איז אַן אַלט ליד, וואָס ער האָט נאָך מיט יאָרן צוריק געזונגען. די ווערטער גייען אריין אין האַרצן, נאָך מערער דער ניגון...

ער וועט זיך פאַרנעמען ווייטער פון הויז, זי זאָל ניט באַמערקן אַז ער הערט איר זינגען... דאָס זינגט זי אַוודאַי, ווייל ס'איז נאָענט צו נאַכט... שוין טאַקע צייט, זי זאָל גיין אַהיים. —

ער האָט גענאָענט צו דער שוועל און ארייַנגעשריען:

— צירל! טאָכטער! שוין צייט צו גיין אַהיים.

אין אַ ווײַלע ארום האָט זיך באַוויזן צירל — אַ פריילאכע, אַ שעמעוודיקע...

ער האָט איר איינגעבונדן צען גילדן אין אַ טיכעלע:

— קום מאָרגן, אויב דו פוילסט זיך ניט.

ווען זי איז שוין געווען ווייט אַוועק, איז הלל אריין אין הויז און ניט געגלויבט זיינע אויגן... פייערדיקע פאַנען זענען געהאָנגען אויף די ווענט. די צינענע לעפל, ווי נייע צעשטעקט אין די גראָט־קעס.

— דאָס הויז דאַרף האָבן אַ פרוי... די קליינע צירל האָט אַ פאָר טיכטיקע הענט. חוץ די הענט האָט זי אַ טאַלק. זי שיינט אַרויס פון אירע אָרימע קליידער. אַ שאָד וואָס זיינע זין זיינען פאַר'קנס'ט... מאָדנע, דער מענש איז קיינמאָל ניט זיכער מיט זיך. אויך ניט מיט וואָסערע געדאַנקען עס וועלן אים באַהערשן... מרדכי'ס

חיים פעט

טאָכטער איז נאָך אַ יונג קינד און שוין איז זי איינגעשפּאַנט אין יאָך. נויט און אָרימקייט טרייבן אַרויס די יוגנט פון דער היים, זוכן אַ שטיקל ברויט. וויפיל שטרויכלונגען עס ליגן אויפן וועג פון אַזאַ שיין, יונג מיידל ?... שלעכטע, גייציקע מענטשן, לויערן אויף יוגנט ; צאַפּן אויס אירע כוחות, ביטערן אָן איר גייסט. דערנאָך פאַרהאַקט מען די טירן. מען לאָזט זיי אַרומבלאָנקען, די אויסגע־לאָשענע און פאַרשעמטע. געפאַלענע מענטשן פילן אָן די טורמעס, די משוגעים־הייזער, די שפּיטאָלן... וואָס קען ווערן פון אַזאַ יונג מיידל ?

פיל יונגע מענער זיינען אומגעקומען אין דער מלחמה. די צוריקגעקומענע זיינען אַלט געוואָרן פאַר דער צייט... די יונגעלייט אין איר עלטער זיינען זיך צעפלויגן איבער אַלע ימים. פּוסטע, פאַרלאָזענע היימען...

ער וועט פרעגן מרדכי׳ן און דאָן שרייבט ער גלייך זיינע קינ. דער, זיי זאָלן זי אַריבערנעמען. אַ חוץ דעם וואָס זיי זיינען דאָרט אין אַ גוטן שטאַנד, זיינען זיי גוט־האַרציקע — געראָטן אין דער מאַמען... ערשט אין די וויטע לענדער דאַרף מען האָבן גוטע פריינט, מען זאָל זיך האָבן וואו צו פּריטוליען...

היינטיקע נאַכט קומט צו אים ניט דער שלאָף. עס באַפאַלן אַמאָל אַ מענטשן מחשבות, ווי וויטיקן... ער איז אַראָפּ פון בעט, געקוקט דורך די שויבן, פאַר אַ ווײַלע גאַרניט געזען. דערנאָך איז די פינסטערקייט געוואָרן שיטערער. ער האָט דערזען אַ שטיק פעלד. די בוימער זיינען ווי גרעסער געוואָרן. אַלע בלעטער אויפגעגאָסן אין גרויסע שוואַרצע היטלען. דער הימל לייכט פאַרוואָלקנט... אויך דער רעגן וואָס הענגט אין דער לופטן לאָזט אים ניט שלאָפן... אויפ־געזוכט אין דער פינסטער די נאַליווקעס, האָט ער אַ פולן טרונק געטאָן. זיך פאַרהוסט. עס האָט אַ וואָרעם געטאָן אויפן ניכטערן האַרצן... אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך געטראָגן אין שלאָף...
אויפגעכאַפּט — זיך צוגעאיילט : צירל דאַרף באַלד קומען...

אין וועג

אין דרויסן איז כמורנע. די זון דראַפּעט זיך דורך די וואָלקנס. די וואָלקנס זיינען לייכטע, רויכיקע. זיי שווימען און פאַרגייען.

ער האָט אויפגעהויבן דעם רידל, זיך געבויגן און געגידערט. רידל ערד נאָך רידל ערד האָט ער אַרויסגעוואָרפן אויף דעם אָנגעצייכנטן וועג. די אָנגעשאָטענע ערד אויסגעגלייכט, אויסגעגלעט...

און ווען צירל האָט זיך באַוויזן, האָט פון דער טיף אַ שפּאַר געטאָן אַ פרייד אויף זיין פּנים...

זי האָט געלאַכט מיט אַלע ציין און אירע אויגן האָבן זיך ברייט געעפנט...

— האָסט שוין געגעסן אָנבייסן, צירל ? —

— זאָט ביז אַהער : — האָט זי אָנגעוויזן אויף איר ווייסן שיינעם האַלז. — איך וועל היינט אָפּקאָכן אַ וואַרמעס. ווער איר וויליק זיין צו עסן ? — האָט זי אים פאַרשעמט געפרעגט...

— וואָס ווערסטו קאָכן ? —

— דאָס וועלן זיי שוין זען פאַרטיקערהייט... און אַ מיינונג וויל איך אויך !...

אַ לאַכנדיקע האָט זי לייכט צוגעטאַנצט און פאַרשוואונדן אין שטוב....

ער איז געשטאַנען אַ ווילע פאַרטראַכט — אָבער מיט אַמאָל איז צוגעפאָרן אַ מאַן מיט אַ פערד און וואָגן צום טויער. דער וואָגן געפּאַקט מיט ברעטער.

הלל האָט דעם מאַן געגעבן שלום.

— איר האָט די רשימה ?...

פון אונטערן היטל האָט דער מאַן אַרויסגענומען אַן אויפגעלייגט פּאַפּירל און עס דערלאַנגט מיט ווירדע... הלל האָט גענוי דורכגעפאָרשט די רשימה, געקוקט אויף די ברעטער :

— איר קענט זיי אַראָפּלייגן דאָ לעבן הויז. טוט זיי צוזאַמען ווי עס באַדאַרף צו זיין...

ער האָט איינגעקויפט אַלערליי ברעטער. די אָפּאָלקעס וועלן

חיים פעט

גיין פאַרן צאָם. פון די דיליעס וויל ער זיך אויסשניצן מעבל. ער וויל זיך נעמען די טעג צום צאָם...

ער האָט זיך פאַרקוקט אויפן רויך, וואָס האָט שיטער געשלאָגן פון קוימען... אַ קליינע בעל הבית'טעטשקע! זי גרייט צו וואַרמעס. די פייכטקייט איז אים איבערגעגאַנגען אין מויל. זינט ער האָט זיך דאָ באַזעצט לעבט ער אויף טרוקנס. — דער רויך פון קוימען ווייעט אָן אויף אים פרייד... ער וועט זיך פירן מיט סטאַט, וואַרטן ביז זי וועט אים אַריינרופן אין הויז...

די אַרבעט האָט געברענט ביי אים אונטער די הענט. די גראָבנס האָבן זיך געצויגן ביזן טייך. אויך אַ שטיק וועג איז שוין געווען אויסגעלייגט גלייך מיט די שנורן. די קרומע סטעזשקע מיטן אויס־געלייגטן וועג זיינען געווען צוזאַמענגעוואַקסן. נאָך אַ פּאָר טעג — און די קרומע סטעזשקע וועט פאַרשווינדן. ער וואַנדלט איבער דער סטעזשקע פון שעה צו שעה, אויף אַ גלייכן, ברייטן וועג. אויך אַ היפּשע קופּע שטיינער האָט ער אויפגעהורבעט...

אָבער דער קלינגנדיקער קול פון צירלען האָט אים גערופן: — דער וואַרמעס איז געגרייט אויפן טיש...

איבערגעטראָטן פּאַמעלאַך דעם שוועל, געווען פול מיט נייגער... ווען ער האָט געוואַשן זיינע הענט, האָט אים צירל צוגעטראָגן אַ האַנטוך. זי האָט אָנגערירט זיינע הענט — און איר יונג פּנים אַ נויג געטאָן נאָענט לעבן אים...

ס'איז גוט וואָס ער איז אין די יאָרן; ער קען זיך באַהערשן... ער וואָלט איר איצט אויסגעקושט די גלידער. און זי, די קליינע, האָט אַראָפּגעלייענט פון זיין פּנים, וואָס עס טוט זיך ביי אים אין האַרצן.. איר פּנים אָנגעצונדן פון אומפאַרשטענדלאַכן תענוג, און שטאָלץ האָט זי דאָס קעפל געהאַלטן אויפגעהויבן...

הלל האָט זיך געזעצט ביים טיש. געקוקט אויף די שיין אָנגע־שניטענע, דינע פּענעצלאַך ברויט... אַזוי שניידט ברויט אַ פרוי! — דין און אויסגעלייגט, ווי חלקים טאָרט...

אין וועג

ער האָט אויפן קול געמאַכט אַ ברכה.

— וואַרט צו, עסט ניט קיין טרוקנס!

זי האָט צוגעטראָגן אַ טעלער פאַרווייסטע שטשאַוו פול אין די ברעגן. אויך אַ שיסל קאַרטאָפל האָט געאָטעמט מיט פאַרע אויפן טיש. צירעלע האָט געוואָרפן בליקן. צוגעקוקט ווי הלל איז געווען אַריינגעטאָן אין די מאכלים, געשלונגען שטיקער מעליקע הייסע בולבעס און פאַרזופט מיט שטשאַוו. אויף זיין שטערן זיינען אַרויס־געטראָטן שווערע טראָפּנס ווי באָב.

צירל האָט געבראַכט אויף קליינע טעלערלאַך געוויקלטע בלינ־צעס, לייכט געברוינטע. אַ הייסע גלאָז ציקאָריע צוגערוקט לעבן הלל'ן...

— אַ זאַטער וואַרמעס, ווי אויף אַ חתונה — האָט הלל צוריק געוואָלט כאַפּן זיינע ווערטער... — מען וועט זיך מיט דיר ניט נאַרן...

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש, איר געוואָלט אַ קניפּ טאָן אין די באַקן און זיך באַהערשט... ער איז אַרויס פון הויז, צוגע־גאַנגען לעבן טייכל, זיך אַראָפּגעזעצט און גערוט.

די כמורנעקייט האָט דעם פאַרנאַכט געבראַכט פריער ווי גע־ווינלאַך. נאָך אַזאַ טאָג און זאַטן וואַרמעס איז די רו געווען אַ היי־לונג...

ער האָט געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן, געהערט דעם ווינט, דאָס רוישן פון די וואַסערן, וואָס האָבן געליובעט די ברעגן. נאָר ווען צירל האָט צו אים אויסגעשריען „אַ גוטע נאַכט" — האָט ער זיך אומגעדרייט:

— פאַרגעס ניט קומען מאָרגן!...

אַ נייער טאָג! פון פרי־אָן טאַשטשעט הלל שטיינער פון פעלד. ער קאָפּייעט זיך אַרום וועג. די גראָבנס ציען זיך טיף און גלייך. איצט זאָל רעגענען!... די גראָבנס וועלן אָפּפירן די וואַסערן צום טייכל. — דער וועג האָט שוין איינגעשלונגען גרויסע, זומערדיקע

חיים פעט

שעה'ן... אַ פּלאַץ אָן אַ וועג איז ווי אַ הויז אָן אַ טיר. זיין מי וואָס ער האָט דאָ אַריינגעלייגט איז ניט געגאַנגען לאיבוד...

אָט האָט זי זיך ווידער באַוויזן, צירעלע. זי יאָגט צו זיין הויז. זינט זי האָט זיך באַוויזן, אַרבעט זיך פריילאכער...

— גוט מאָרגן!

— גוט מאָרגן! וואָס פאַראַ נייעס איז אין שטעטל?

— ס'איז דאָ נייעס: די משפחה גראבטשיקס פאָרן קיין אַמע־ריקע. איר קענט זיי? אַ ווילדן כוח האָט זי, אָט די אַמעריקע!..

ער איז געוואָרן אומרואיק. ס'האָט שוין געדאַרפט זיין אַ בריוו פון קיילעץ, פון זיינע קינדער...

שוין פיל יאָרן זיינען זיינע קינדער אָפּגעשיידט פון אים. אָבער צייטנווייז זעט ער זיי ווי נאָענט אַרום זיך — כאָטש רעד צו זיי.

ער וויל היינטיקן טאָג אַרבעטן אויפן צאָם. אַרומהאַבעוועץ ביים וועג, טאָג איין טאָג אויס, שעפּט אים פון געדולד אַרויס. אויך אָן אַרבעט בעט זיך מען זאָל איר פאַרבייטן אויף אַ צווייטער...

ער איז געגאַנגען פאַמעלאַך האַרט ביים צאָם, צוגעקוקט וועלכע ברעטל איז אַלט, וואָסערע צעבראָכן. די בראָקאָווע ברעטלאַך אָנגעצייכנט מיט קרייד. אויך זיי געציילט.

פאַרטיק געוואָרן מיט די הקפות אַרום צאָם, האָט ער גענומען פון קעסטל געצייג: דעם אויפגעלייגטן אַרשין, דעם האַמער, וואָס פון איין זייט איז דאָס געווען אַ מין צווייַנגל. דעם אַרשין צענומען, געמאָסטן איין ברעטל די לענג, די ברייט. דערנאָך אָפּגעשלאָגן דאָס קראַנקע ברעטל פון די לייסטן. אַרויסגעצויגן די טשוועקעס, זיי געקליבן אין די גרויסע קעשענעס פון זיין קאָרטענער קאַפּאָטע. — קיין זאַך טאָר ניט גיין אין ניוועץ. אַרום אַזאַ הויז קען אַלץ ברענ־גען אַ נוצן... — — —

ער פילט גרויס פרייד, וואָס דער וועג איז שוין אויף אַ לאַד.

צירל באַווייזט זיך פון וייל צו וייל, גיסט אויס אַן עמער שמוציקע וואָסער און די גראָבנס פירן דאָס אַוועק גלייך צום טייך.

אין וועג

זי מוז אודאי וואַשן די פּאַדלאָגע, דעם טיש, די ביינקלאַך?...
די קליינע קען נאָך וואַשן די ווענט!... ער וועט אַנווינקען: אַז זי דאַרף ניט אַרבעטן אַזוי שווער. אירע שמאָלע פּלייצקעס טאָרן זיך ניט בויגן צופיל. ס'איז נאָך אַ העלפט קינד דאָ אין איר. די רייכע קינדער אין אירע יאָרן שפּילן נאָך אין צייכנס... — דער מאַן האָט געטאָן גוט, וואָס ער האָט אויסגעלייגט די אָפּאַלקעס באַזונדער. פון יעדער זייטל וועט ער אַרויסקריגן פיר ברעטלאַך פאַרן צאַם. ער וויל טאָקע שוין אויסמעסטן... זיך אויסגעקירעוועט צום קעסטל געצייג. אַרויסגענומען די האַנט־זעגל. די קרומע שפּיציקע ציינדלאַך זייענען געווען פאַרזשאַווערט. דער ראָסט וועט זיך אָפּרייבן מיטן זעגן... ער האָט אויך מיטגענומען אַ פּיילכל, אַ דריי־קאַנטיקע. דאָס זעגל לאַנג ניט גענוצט, אודאי טעמפּ. מיטביידע הענט איבער־געשלעפּט די אָפּאַלקעס צום אָפּגעזעגענעם בוים. געזשאַלעוועט וואָס די שפּיצן פון די אָפּאַלקעס צעקאַרדאַטשען דאָס פעלד. אָנגעצייכנט די אָפּאַלקעס מיט אַ קויל. און ווען ער האָט דאָס זעגל אַ צי געטאָן אויפן שוואַרצן צייכן, האָט אַ גראָבער קול אַרויסגעוויינט, און עס האָט אַ שפּריץ געטאָן מיט דראָבנעקע פּאַלאָווינעס. — עס זעגט זיך שווער!...

ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן פּיען. אַריינגענומען דאָס זעגל צווישן די קני, און מיט דעם פּיילכל פּאַמעלאַך געשאַרפט, ביז דער ערשטער צאָן האָט אָנגעהויבן בלישטשען. איבערגעגאַנגען צום צווייטן און צום דריטן צאָן... זאָל ער צעזעגן די אָפּאַלקעס, איז דער אַריינ־פּאַסן, דאָס צושלאָגן די ברעטלאַך צו די לייסטן — אַ גאָרניט...

ער וויל אויך פאַרבן דעם צאַם אין גרין, עס זאָל אָפּשלאָגן שיין אויף זיין הויז...

עס וואָלט ניט געשאַדט, ווען ער פאַרלייגט אַ בריקל איבערן טייכל... אפילו אַ חיה אין איר נאַרע, האָט עטלאַכע אַריינגאַנגען...

ס'איז שוין נאָענט צו נאַכט, און צירעלען זעט מען ניט פאַר

אַ מינוט אין דרויסן. ער וועט אָבער ניט וואַגן אַריבערטרעטן דעם שוועל. אַ יונג קינד, זי וועט זיך צעטומלען...

לעצטנס סטייען אים ניט די טעג. פּלענער וועבן זיך ביי אים כסדר... דער רעיון איז די שאַרפסטע געצייג ביים מענשן. די האַק, די זעג, דער רידל, זיינען פּאַלגנדיקע קינדער — ווען די מחשבה פון מענשן באַפעלט זיי... —

גוט, וואָס צירעלע האָט זיך באַוויזן פון הויז.

— שווער געאַרבעט, צירעלע?

— זיי וועלן מיט די אייגענע אויגן שאַצן... — זי איז געבליבן שטיל. רב הלל האָט אַ טראַכט געטאָן: זייער קלוג געענטפערט...

זי האָט דערקאַנט ווי דער עלטערער איידעלער איד האָט אַ קוק געטאָן פון אונטער די שווערע ברעמען מיט גליק...

— פאַרגעס ניט, צירעלע, קומען מאָרגן. אַ חוץ די פּאָר גילדן, וועל איך דיר קויפן אַ שיין קלייד אויף יום־טוב. אַלע דיינע חבר'טעס וועלן דיך מקנא זיין...

אַ פרישע רויטקייט האָט פאַרגאָסן איר פּנים: דאָס שיינע, נייע קלייד האָט זי ווי דערפילט אויף זיך: גרינג, פלאַטערדיק, הרכזיכטיק...

— פאַרגעסן איבערגעבן. מיין טאַטע האָט געזאָגט, די שטיוול זיינען שוין פאַרטיק פאַר אייך. זאָל איך זיי מיטברענגען מאָרגן

— זאָג דיין טאַטן, אויב די שטיוול וועלן מיר פּאַסן, וועל איך גלייך באַשטעלן אַ צווייטע פּאָר...

ווען זי איז אַרויס פון טויער, האָט הלל אויף זיך געפילט אירע גליאיקע אויגן און פאַר'סוד'עטן פּנים...

ס'איז כדאי צו זען וואָס פאַראַ פאַראַנדקעס האָט די קליינע היינט געמאַכט... —

געעפנט די טיר: אַ קילקייט, אַ פרישקייט האָט אַ שלאָג געטאָן אויף אים. דער אַלטער טיש אָפּגערייניקט, אויסגעשאַבן, געל ווי זאַפראַן. די אַלטע ברעטער פון דער פּאַדלאָגע זיינען אויפגע־

אין וועג

לעבט געוואָרן אונטער אירע הענט. די שויבן פון די פענסטער דורכזיכטיק. אַ גרויסע פליג קלאַפּט און זשומעט שיכור פון איין שויב אויף דער צווייטער. דאָס בעט אָפּגערוקט פון וואַנט. דאָס בעטגעוואַנט איבערגעצויגן.

— ניין! מרדכי דער שוסטער איז ניט אָרים... איר קומען מאַכט אים פלייסיקער און אינגער. די ווענט זינגען אין זיין שטוב, זינט זי האָט זיך באַוויזן... —

ווידער ערב שבת. ער וויל זיך היינט ניט איינרייסן מיט דער אַרבעט. דאָס זעגל איז אָנגעשאַרפט. נאָך אַ נאַכט רו וועט די אַרבעט ריידן ביי אים אין די הענט... זאָל ער נאָר צופּעסטיקן די ברעטער צו די לייסטן; וויל ער מיטן צאָם זיך ניט עסק'ן, ביז דער וועג וועט ניט זיין אויסגעשפּרייט ווי אַ טישטוך. דער וועג וועט אים פאַרבינדן מיטן שטעטל, מיט דער וועלט...

ער איז אַרויס אין דרויסן. אַ האַרבע קילקייט האָט געפרישט זיין פנים. צייכנס פון יעסן אין דער לופט, אויף די שפּיצן גראָזן... ווען ער איז געקומען אַהער, איז דער באַרנע בוים געווען פאַרבלעטערט. דורך דער געדיכטעניש פון די בלעטער האָבן זיך געזען די יונגע באַרנעס גרין און געטאָקט. האַרט און צוגעקלעפּט צו די צווייגן. איצט זיינען די באַרנעס גרויסע ווי קולאַקעס, צעפּלעקט און אָנגעשפּאָלטענע. זיי ווילן מער ניט זיין צוגעבונדן צום בוים. עס גיסט זיך ניט אין זיי קיין זאַפט. די גרינע, געדיכטע בלעטער באַשיצן זיי מער ניט... די פרימאָרגנס זיינען נעפלדיק. די נעכט ציען זיך אויס און פאַלן צו פריער... אַ גליק, וואָס ער האָט זיך באַזעצט דאָ אום זומער. ער וועט איבערווינטערן אונטער אַ צוגע־דעקטן דאַך. מיט האָלץ און שפּייז פאַרגרייט. אויך ווינטער דאַרף מען ניט זיצן די הענט פאַרלייגט. צווישן די פיר ווענט איז דאָ פיל צו טאָן...

צירעלע'ס באַוויזן זיך האָט איבערגעריסן זיין טראַכטן. ער

חיים פעט

האָט געקוקט, פאַרשטעלט לעבן פענצטער... — זי באַקט זיך איין אין האַרצן. חן און ליבשאַפט אין איר שמייכל...

ער איז אַרויס זי באַגעגענען:

— מען דאַרף דיך ניט קומען רופן. —

— פאַרוואָס זאָל איך ניט קומען? ווען זיי באַהאַנדלען מיך גוט...

צו פאַרווישן דעם חשד, אַז ער טראַכט וועגן איר, האָט ער גענומען דאָס אָנגעשאַרפטע זעגל אין די הענט. דאָס זעגל גייט גרינג. די לאַנגע אָפּאָלקעס צעפאַלן אין ברעטלאַך. דאָס ציען אין און צוריק מיט די הענט היצט אים אָן.

נאָך שבת וויל ער גיין צו אַנשלען, אים צוטרייבן ער זאָל קויפן פאַר אים אַ בהמה. זיין טירחה וועט ניט זיין אומזיסט...

צוזעגן אַלע ברעטלאַך, האָט ער זיי איבערגעשלעפּט צום צאָם. דאָס ערשטע ברעטל איינגעפּאַסט, געהאַלטן צוגעשטייפּט מיט זיין האַנט צום לייסט, און מיט דער צווייטער רירעוודיק געקלאַפּט די טשוועקעס... עס וועט ניט העלפן זיין יאָגן זיך. בעסער באַצייטנס זיך גרייטן מקבל שבת צו זיין...

ער האָט אויפגענומען די צעוואָרפענע געצייגן אויפן פעלד, זיי צוזאַמענגעלייגט אין קעסטל „געמאַכט הקפות” אַרום צאָם...

נאָך שבת מוז דער צאָם זיין פאַרריכט און אָפּגעפּאַרבט ווערן. אויך דער וועג איינגאַנצן אויסגעלייגט. ס'איז די העכסטע צייט זיך נעמען צום קעלער. געעפנט דאָס פענסטערל פון קעלער. אַ פּאָר טעג נאָכן אויסלופטערן וועט ער זען וואָס ער קען טאָן...

ס'איז אויך צייט אַרומצושטעקן דאָס הויז מיט מאָך. דעם קומענדיקן זומער וועט דאָס הויז זיין אויסגעטינקעוועט און אַרום־געשאַלעוועט. אויך די אַלטע סקריפּנדיקע טירן אומבייטן אויף נייע. ווינטער צו וואוינען אין אַ פאַרלאָזן הויז אויפן פעלד, איז כאַטש נעם און שלאָף אין אויוון...

דער שבת איז אויפן שוועל. עס רוקן זיך אָן באַלד די יום־

אין ווען

טובים: ראש השנה, יום כיפור, סוכות... — ער האָט זיך צוגעאײלט אין הויז. ניט באַמערקט ווי צירל איז הײנט פאַרשוואונדן. אָבער די נײַע שטיוול, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון איר טאַטן, האָבן דערצײלט איר זײַן דאָ...

ער האָט פאַר די אויערלעך אויפגעהויבן די שטיוול. די שווערע פּאַדקאָוועס זײַנען געלעגן אײַנגעוואַקסן אין די אָפּצאַסן. די פּאָדעשוועס האַרט און גראָב, אײַנגעפּעסטיקט מיט ראָנדן הילצערנע טשוועקלאַך. די כּאַליעוועס אויסגעבעטע, אײַנגענײטע מיט אײַנגעוואַקסטער דראַטווע. אַזעלכע שטיוול איז ווי געוואונשן צום פעלד...

אין שטוב האָט זיך אַרײַנגעוואַלגערט דער פאַרנאַכט. די זון אַ גרויסע, אַ געלאָשענע, האָט דאַרשטיק געטרונקען דאָס טײַכל. דורך די אָפענע פענסטער האָט אַ שמעק געטאָן דאָס פאַרנאַכטיקע פעלד מיט פײַכטקײט.

הלל האָט פאַרמאַכט די פענסטער. צוואָשן די הענט אויף רײן, האָט ער זיך געשטעלט צו מזרח־וואַנט און אויפן קול אָנגעהויבן מקבל שבת צו זײַן...

אָפּגעדאַוונט איז ער שטיל אַרויס פון הויז, פון טויער. וואו עס האָבן אַרויסגעשײַנט בענש־ליכט, האָט זיך הלל דערנעענטערט צו דעם הויז; געוואָלט דורכדרינגען דורך די פאַרהענגלאַך... זען, צי געגנוג זאָטקײט איז אויף די שבת׳דיקע טישן ביי אידן...

ער האָט אויך געצײלט די אידישע הײַזער: ניט אײנס, ניט צוויי — פון געסל צו געסל... אין די וואָכעדיקע טעג טומלען די אידן, זוכן פּרנסה. אָבער ווי דער שבת נידערט אויף זײערע שוועלן, ווערט שטיל אין שטעטל. די אידישע הײמען ווערן אײַנגעהילט אין שבת־רו, אין שטילן שימער פון די בענש־ליכט.

עס דויערט לאַנג אײדער מען ווערט אַ תושב... ער מוז שליסן קענטשאַפט מיט די אידן דאָ. זײ פאַררופן צו אים אין הויז אויף אסיפות, סיום׳ס. אויסלײַען דאָס הויז אויף חתונות, פאַר אָרימע אידישע קינדער...

חיים פעט

זיך צוריקגעקערט, געשטאַנען אַ ווײַלע לעבן טויער; זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט... דורך דער טיפער און ווייטער שטילקייט געהערט אָפּגעהאַקטע רייד און אַ פּליוסקען פון טײַך. וואָס קען דאָס זיין? — האָט ער מיט שרעק אַ זאָג געטאָן צו זיך. — אַ שטיק צייט איז ער נאָך געשטאַנען באַם טויער...

אף מאָרגן, ווי נאָר ער האָט געעפנט די אויגן און אַרויפגעטאָן דעם קאָרטענעם כאַלאַט, איז ער אַרויס אין דרויסן. ער האָט געזוכט מיט די אויגן: זאָל זיין, אַז אינגלאַך האָבן געריסן באַרנעס? ניט קיין וואונדער: אַן אָפּענער צאַם. ניין! ס'איז ניט קיין אינגלאַך! איבערן פרישן אויסגעלייגטן וועג זענען געווען קאַנטיקטריט פון דערוואַקסענע מענטשן.

— וואָס האָבן זיי געטאָן?

ער האָט אָבער באַלד דערזען, וואָס ס'איז געשען: די טויערן פון שטאַל זענען געווען ברייט צועפנט.

— זיי האָבן אַוועקגע'לקח'נט זיין חד־גדיא!...

ער איז אריין אין שטאַל, אַ זוך געטאָן אין אַלע ווינקלען.

— ציגעלע מיינס! זאָלסט זיי נאָר איבערלעבן, די רשעים.

ווען ער פאַרלירט הונדערט רובל, וואָלט ער אַזויפיל צער ניט געהאַט. אַ לעבעדיק באַשעפעניש, צו וועלכן דו ביזט צוגעוואוינט, איז ווי אַ שטיק האַרץ וואָלט מען דיר אַרויסגעריסן...

אַז זיי האָבן געקענט בא אים אַוועקנעמען דאָס איינציקע שטיקל ציג, איז ער ניט זיכער מיט זיין נשמה... די אַלע אומגליקן האָבן דאָס אָנגעקערט נאָך דער מלחמה. מענטשן האָבן געפונען זייערע היימען פאַרברענט. אף די פעלדער זענען זיי געלעגן ווי די חיות פאַרגראָבן... שווער אויסצוהיילן אַזעלכע... אויך פאַר דער מלחמה האָבן זיך געפונען פאַרדאָרבענע מענטשן. מען האָט אים שוין אין זיין לעבן עטלאכע מאָל באַ'גנב'עט. אָבער אין יענע צייטן האָבן זיך די גנבים געקוואַפּעט: אויף גאָלדענע און זילבערנע חפצים... — דאָס האָבן אַוודאַי געטאָן פישער־לייט. זיי האָבן אים געהיט

אין וועג

ווען ער איז אַוועק פון הויז; האָבן זיי זיך צוגעשיפּט און אַריבער־געפירט די ציג... אַראָפּ מיטן וואַסער...

דעם גנב זוכט מען אף טויזנט וועגן. נאָר דעם איינעם וועג, וואו ער איז אַנטלאָפן, איז שווער צו געפינען.

— ווען זיי קומען צו אים פאַרהאַנדלען, וואָלט ער זיי באַצאָלט מזומנים — אַבי אויסצולייזן זיין חד־גדיא פון זייערע הענט...

גוט, וואָס פון ווייטן האָט זיך באַוויזן אַנשל מיט זיין זיסלען. עס וועט אים ווערן גרינגער. אַ מענטש דאַרף האָבן פאַר וועמען אויסריידן דאָס האַרץ... הלל איז זיי געגאַנגען אַנטקעגן, געעפנט דעם טויער.

— גוט שבת!

— גוט שבת!

— וואָס זענט איר נעכטן ניט געקומען? מיר האָבן זיך גע־ריכט אף אייך, — האָט זיסל אַ מיט טענה אין קול, אַ מיט פריינט־שאַפט געקוקט אויף אים...

— דעם אמת, זיסל לעבן, האָב איך נעכטן פאַרשפּעטיקט. אַפילו ניט באַוויזן גיין דאַוונען בצבור. נו, האָט מיך טאַקע גאָט געשטראָפט...

— וואָס איז געשען מיט זיי? — האָט אַנשל אים אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט. — איך דערקאָן, זיי זענען צערודערט...

— גנבים האָבן מיר אַרויסגעפירט די ציג פון שטאַל.

ביידע מאַנזבילן זענען געשטאַנען שטיל, נאָר זיסל האָט גע־שאָלטן:

ליבער גאָט, די הענט זאָל זיי אָפּדאָרן. זיסער טאַטע, אַ דונער זאָל זיי טרעפן... ווייסט, אַנשל, וואָס מיר פעלט אין: די „פישער לייט" האָבן ניט איינעם שוין חתונה געמאַכט... און די בעלי־בתים שווייגן. הפקר פּעטרישקע...

— מען כאַפּט ניט פאַרן האַנט, — האָט זיך אַנשל אָפּגע־רופן, — טאָר מען אויך קיין חשד ניט האָבן... מיין עצה איז, זיי

חיים פעט

זאָלן אָוועקשטעלן אַ צאַםביים טייך. אויך אַ הונט זיך איינשאַפן. מיין עצה, עס זאָל בלייבן אַ סוד... עס וועט אַפגיין שטיל און גלאַט, וועלן די גנבים זיך מער ניט פאַרטשעפּען מיט אייך... לאָמיר בעסער ריידן וועגן פריילאַכס. מאָנאטאג פאַרגעסט ניט קומען צו מיר. איך האָב איבערגעדונגען אַ קו באַ אַ פּויער, איז דאָס אַ ווינש־פינגערל... יונג, פלאַך, פאַרגיסט מיט מילך. איין חסרון: דער פּויער האַלט זיך פאַרריסן...

הלל האָט ארויסגעטראָגן ביינקלאַך פון שטוב, זיי צעשטעלט נאָענט לעבן טייך.

— זיי זענען שוין באַלד פאַרטיק מיטן וועג. — אַנשל האָט זיך געסטאַרעט אָפּוועגדן הללן אַף אַנדערע געדאַנקען — איך זע ניט איין, פאַרוואָס פאַרדינגען זיי ניט דעם טייך? קוקט, ווי עס שפּרינגען די פיש... —

הלל האָט געשמייכלט און שטיל געענטפערט:

— איך האָב בטחון אין גאָט... מיט דער צייט, וועל איך פונם פלאַץ ציען מיין אָרימע חיונה...

זיסל האָט איבערגעשלאָגן:

— וועגן פּרנסה דאַרפט איר קיין סך ניט דאגהן... אַ ביסל פון גאָרטן. אַ ביסל פון עפּעס אַנדערש. מען נעמט אריין אַ גוטן שטילן שכן. ס'איז פריילאַכער מיט נאָך אַ מענטשן אין הויז... מען זוכט אַרום אַ קוואַרטיר פאַר אַ בית־יתומים.

— שווייג, זיסל! — האָט אַנשל זיך אויפגעהויבן פון ביינקל.

— ווי קומסטו אָנבאַטן אַזאַ נאַרעשקייט? אַ איד איז געקומען פון דער פרעמד, אָפּגעקויפט אַן אָפּגעלאָזן הויז, מיט אַ פאַרוואָרלאָזטן פלאַץ. פאַרן זומער צייט האָט ער אויפגעמונטערט דאָס הויז, באַלעבט דעם פלאַץ... ס'איז זייער שיין פון אייך — האָט ער זיך געווענדט צו הלל'ן — אייער מתנה אויפן בית־יתומים ס'איז אַ קראַנקהייט, וואָס מיר דאַרפן אַלע צוזאַמען היילן די נאָכוויהעענישן פון דער מלחמה זענען גרויס אַ הויז איבער אַ הויז — יתומים און יתומים...

אין וועג

— בא דער צווייטער אַסיפה וועל איך ניט פאַרמיידן. אייער פרווי איז גערעכט. אַפּרייסן פון אייגענעם ביסן און די עלנדע קינ־דערלאך געבן אַ היים. מיר האָבן שוין אונזער וועלט באַלד אָפּ־געפּאָרן. אָבער די קליינע אידעלאך דאַרף מען קאָרמענען, לערנען פליען — ווי יונגע פייגל...

ס'איז שוין געווען טונקל, ווען אַנשל מיט זיסלען זענען אַוועק.

— וואוילע מענשן, — האָט הלל אַ זאָג געטאָן צו זיך. — אַ אידעש האַרץ, אַ אידישע נשמה, איז ניט אָפּצושאַצן. וויפל מסירת־נפש אידן ווייזן ארויס איינס צום אַנדערן אין אַ נויט, אין אַ געפאַר..

אויפן אויסקוק איז אַנשל אַ פּראָסטער איד. ער האַנדלט, עסק'ט זיך מיט ציגל, מיט וואַפנע, מעקלעריי. אַ שידוך פירט ער דורך. אַליין אַ דאַרינקער, אַ דראַבנינקער, אָבער אַ אידן אַ טובה טאָן — ווערט ער אַ שמשון הגבור... צדקה איז דער עמוד האש, וואָס האָט געפירט ס'פאָלק ישראל ביז אַהער...

ער איז אויפגעשטאַנען פאַר פרי. די פרימאָרגנס זענען שוין ביסטרע. מען מוז ארויפטאָן דאָס פעלצל, ביז די זון וועט זיך איינוואַרעמען... ער וויל זיך ניט עסק'ן דאָס יאָר מיט'ן קעלער. דאָס ביסל בולבעס, וואָס ער וויל זיך פאַרגרייטן פאַרן ווינטער, וועט ער האַלטן אין זאַשעקעס... דער זומער זאָל זיין אַ הקדמה צו די יאָרן, וואָס דאַרפן קומען. אויף דעם שטיקל נחלה זיינעם וועט ער אויסשפרייטן זיין גאַנצע טואונג... ס'איז די רעכטע צייט אויסצוקאָלכן דאָס הויז. עס קומען אָן די ווייַנענדיקע, קורצע טעג.

ער איז אַוועק צו דער שטאָל, ארויסגענומען דאָס צעבערל. אין צעבערל אריינגעלייגט די קעזלאך קרייד. און מיטן רידל אָפּ־געשפּאָלטן די קעזן, זיי געבראָקט... אין איין גאַנג: וויל ער שוין שטעלן די פאַרב... ער האָט אויסגעפרופט די פּינזלס... אויסגע־מישט די קרייד אין צעבער, איינגעטונקט אַ פינגער עס האָט אַראָפּגערונען דער קאַלך, ווי ווייסע טראָפּנס געדיכטע מילך.

דעם קאַלך און די פאַרב וויל ער לאָזן שטיין אַ פאַר טעג...

פון זיך אַליין ווערט די פאַרב געדיכטער און דער קאַלך איינגעַ־שטאַנענער... סיי ווי, מאָרגענדיקן טאָג וויל ער צעשלאָגן אין שטעטל. ער וויל אָנקוקן די קו, וואָס אַנשל האָט פאַר אים איבער־געדונגען. אויך איינקויפן שטרוי, בולבעס. דער „פעטער שנייער" איז אויפן שוועל. ער וויל זיך זען מיט מענטשן. טאָג איין, טאָג אויס אין פעלד — קען מען פאַרווילדעוועט ווערן.

ער האָט געפּרואווט דעם קאַלך: אַן אַנטיק! קלעפּיק און ווייס. גוט, וואָס ער האָט געלאָזן איינשטיין דעם קאַלך..

די נאַכט האָט ער ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג, זיך געוואָרפן אויפ'ן געלעגער. דאָס ניט שלאָפן האָט אים פאַראויסגעזאָגט גרויסע ענ־דערונגען אין זיין לעבן. ווי נאָר עס פלעגט זיך שפּאַלטן דער הימל, איז אים באַפאַלן אַן אומרואיגקייט: איינהאַבעווען וואָס מערער דורכן טאָג. — אַזוי איז איצט געווען דער היפוך: אַ רואיגקייט האָט אַף אים געענידערט, אויסגעליידיקט אים פון פּלענער:

— גרייט זיך ניט צופיל, ביזט שוין אַלט דיין האַרץ, דיין קאָפּ וויל רו! — — —

אָבער אַ שאַרף פּייפל האָט אים אויפגעהויבן פון בעט. דורכן פענצטער האָט ער דערזען דעם בריוו־טרעגער לעבן זיין טויער. דער בריוו־טרעגער האָט זיך איידל געגריסט, געשמייכלט — ווי שיין דער עלטערער איד האָט אויסגעצירקלט זיין נאָמען. — ער האָט ארויסגענומען פון זיין לעדערנער טאַש אַ פאַרזיגלטן בריוו אין אַ בלויען קאָנווערט און האָט אים איבערגעגעבן הלל'ן אין האַנט. נאָך די מאַרקעס האָט הלל דערקאַנט, אַז דער בריוו איז פון אַמע־ריקע. אָבער די האַנטשריפט פון דעם בריוו איז אַן אומבאַקאַנטע. אי מיט ציטער, אי מיט נייגער, האָט הלל פּאַמעלאך געעפנט דעם בריוו — און געלייענט.

„רב הלל! גאָט צו דאַנקען, איך מיט די קינדער געפינען זיך שוין אין אַמעריקע. זיך געזען מיט אייערע קינדער מינאַרכעס. איך בין נאָך צעטומלט פון וועג. זייט מוחל. קיילע".

אין וועג

עטלאכע מאָל האָט הלל געלייענט דעם בריוו, געוואָלט דערגיין דורך די פּאָר געציילטע שורות מער פּרטים. ער האָט זיך אָבער געפּרייט מיט די פּאָר ווערטער. דער גרוס פון זיינע קינדער האָט דערוועקט אין אים פאַרנעפּלטע האָפענונגען.

אַנשיל האָט אים באַגעגנט באַם שוועל פון זיין קראָם.

— גוט מאָרגן!

— גוט מאָרגן! — איין קליינע ווילעטשקע און מיר וועלן צוגיין צום פויער. ס'איז אַפילו נישקשה פון אַ שפּאַציר...

— וואָס הערט זיך נייס, רב אַנשל?

— גאָרנישט. דער עולם רוקט זיך אין אַמעריקע.

— איר זאָגט אַמעריקע... גראָד היינט געקראָגן אַ בריוו פון קיילען. זי האָט זיך געזען מיט מיינע קינדער.

— חוץ אַמעריקע — וואָס הערט זיך?

— וואָס קען פּאַסירן אין אַ קליין שטעטל? אַ נפש'ל ווערט געבאָרן, אַ נפש גייט אַוועק. אַמאָל אַ חתונה, אַמאָל אַ ברית. מען לייגט זיך שלאָפן מיט דאגות, מען שטייט אויף מיט זאָרג. כמעט אַלע אידן אין שטעטל לעבן אָף דער שטיצע פון קינדער, וואָס זענען אין אַמעריקע. די איינציקע וואָס זענען צוריק אויפגעוואַקסן ווי די געשאָרענע שעפּסן, זיינען די פויערים. נו, מיר זיינען שוין באַלד ביים פויער. איר זעט דעם רויטן טויער?

אַ הונט האָט זיך צעבולן באַסאַווע און ווי אויף צו־להכעיס האָט אַ הינטל מיט אַ פאַרגייענדיקן קוויטש געריסן דעם דרויסן. די כלבים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די צוויי אידן.

פון דער נידעריקער כאַטע האָט זיך באַוויזן אַ יונגער פויער, מיט אַ כיטרע, לאַכעדיק, געזונט פּנים. אָנגעשריען אָף די הינט, געעפנט פאַר די אידן דעם טויער.

— נו, וואָס? טאַקע געקומען אָנקוקן די קו? ניט קיין פוילע חברה, די אידלאַך. איר וועט אָנקוקן אַ קו אַ קאַרטינע! ערשט צוויי יאָר אַלט, מיט דעם צווייטן קאַלב.

חיים פעט

ער האָט געעפנט ברייט די טויערן פונם שטאַל. טיף איינ־געבעט אין שטרוי, מיט די פיס אונטערגענומען אונטערן בויך, איז געלעגן א רויטע קו און גע׳מעלה־גירה׳עט. זי דאַרף די וואָכן זיך קעלבן, ליגט זי מערסטנס.

דער פויער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו איר, האָט זי זיך אויפ־געשטעלט; דער שטאַל האָט אַזש אַ קרעכץ געטאָן.

— אַן אמת׳ע פרה אדומה! — האָט הלל שטיל געזאָגט צו אַנשלען.

— נו, מיכאַש! — איז אַנשל ארויס מיט זיין פוילישן לשון — דאָ האָב איך דיר געבראַכט דעם „קופּעץ״. זאָג, וויפל דו ווינשסט זיך פאַר דער חיה? קומט דורך און קלאַפּט זיך די הענט.

— איילנדיקע זייט איר, אידעלאך. איך וועל די קו פאַרקויפן נאָכן קעלבן. אַ קו וואָס עסט אַלץ און קינדער טאַנצן אויף אירע הערנער. — נו, קענט איר פאַריבל האָבן אַז איך וויל פון איר אַ האַדוואַוּוליע?

— די קו געפעלט מיר, — האָט הלל שטיל גערעדט: — זאָג מיר וויפל דו זינגסט פאַר איר? איך וועל דיר געבן האַנט־געלט. און נאָכן קעלבן וועל איך וויסן אַז זי איז מיינע.

— איר זענט דאָך קלוגע אידעלאך. אָבער איך וויל ניט נעמען קיין האַנט־געלט. פרעמד געלט איז אַ וואָלף אין קעשענע. מיין וואָרט איז גוט גענוג! אָבער מיט ליידיקע הענט דאַרפט איר ניט אַוועקגיין. איך האָב בולבעס צו פאַרקויפן. שפּעטער וועט אויך זיין ליין, גערשטן און קאָרן. איר זעט די שייערן! די שטאַלן! זיי וועלן אַלע אָנגעפולט מיינע זין, מיין ווייב, מיין פעלד זענען איין משפּחה. — — — — —

שוין פינצטער. אַנשל און הלל זענען געגאַנגען צוריק פון פויער. זייערע טריט האָבן זיך אָנגעקלאַפּט אָן שטיינער. די שטיי־נער האָבן געענטפערט מיט פונקען.

— לאָמיר אייך זאָגן, רב הלל, אַז מיט אַ פויער איז גוט צו

אין וועג

האַנדלען. זאָל איך נאָר אין קאָרישע גיין. ער האָט אייך געגעבן קאַרטאָפל שיינע ווי עפּל. איר וועט אַף טשיקאָווע איבערוועגן און זען, וויפל ס'האָט זיך אַרויפגעכאַפּט.

— אויף דעם מקח ניט איבערגעריסן, — האָט הלל צוגעגעבן. — וואָס זאָל איך אייך זאָגן, אַנשל? די קו האָט מיר צוגעזאָגט. שוין לאַנג ניט געזען אַזאַ שיינע חיה. איך בין מקנא דעם פּויער. איינגעוואָקסן איז ער אויף דער ערד מיט שטאָלן, שייערן, אַפילו מיט אַן אייגענעם ברונעם. סאַראַ גבורים־זין ער האָט!

— לאָמיך אייך זאָגן, רב הלל: אויך בא די פּויערים זיינען שוין אַנדערע צייטן. די קינדער זייערע גייען אין די „שקאָלעס". זיי וואָקסן אונטער, רייסן זיי זיך אין די גרויסע שטעט. אָבער ערשט ווען זיי ווערן געבילדעט, ווערן זיי די אידן נאָך גרעסערע שונאים

— ס'איז גוט, וואָס זיי בילדן זיך, רב אַנשל! זיי וועלן אַמאָל באַנעמען, אַז מיר זענען אַן אַלטע אומה, וואָס זענען צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט; אַן פּעסטונגען, אַן גרעניצן... אַזוי וועלן אַלע מענשן אַמאָל לעבן אויף דער ערד. — —

דער טאָג האָט זיך נאָך ניט איינגעשטעלט. אָבער הלל האָט שוין פאַרדעקט דאָס בעט. מיט ראָגעזשעס פאַרשפּרייט דעם טיש. די ביינקלאַך, די שטולן אַרויסגעטראָגן אין דרויסן. די טירן פון די אַלמערס פאַרהאַנגען און אַליין האָט זיך הלל אָנגעטאָן ווי אַ קאָמעדיאַנט: פאַרלאַטעטע צוויי לינקע שיך אַף די פיס. קורצע הויזן, ווי אַ אינגל. אַ הויכע מיץ פון פּאַפּיר אויפן קאָפּ.

דעם ערשטן צי געגעבן מיטן איינגעזאַפּטן פּינזל איבער דער סטעליע דער ווייסער, פייכטער פּאַס האָט אַ שמעק געטאָן. ער האָט געטונקט דאָס פּינזל, אָפּגעצויגן ביי די ברעגן פון צובער דעם אָנ־געצויגענעם קאַלך. ברייט געצויגן הין און צוריק דאָס פּינזל... אין די ווינקלען האָט ער מיט'ן פּינזל געפּאַטשט.... ער האָט געפילט

חיים פעט

פרישע שפריצן אויף דער נאָז, אויף די באַקן. די שפריצן האָבן ווי גיפּס געטריקנט. — ס'איז אַ גוטער סימן..

אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן די ווענט, די סטעליע, זיין טרוקן ווי זאַפּראַן.. דער ווינט וואָס יאָגט פון אַלע אָפנקייטן טריקנט און לופטערט...

אינדרויסן האָט שוין גענאַכטיקט. קילע ווינטן האָבן געטראָגן אומעט. ווינטן וואָס האָבן אָנגעזאָגט קורצע, פּראָסטיקע, איינגעשמידטע טעג.. הלל איז געלעגן מיט אָפענע אויגן אין בעט. ס'איז געווען גוט צו ליגן אַן איינגעוואַרעמטער... די האַרבסטיקע פריימאָרגנס זיינען ביסטרע, ווינטיק די רויקייט, די האַרבקייט, קריכט אין די ביינער. דורך די פענסטער זעט ער די בלעטער פאַלן פון די בוימער. זיי טראָגן זיך געלע, אָפּגעוויאַלעטע. פאַלנדיק אויף דער ערד, שרייען זיי: נאָר וואָס אויף די צווייגן געווען; געפילט נאָך חיות אין אונזערע פאַרטריקנטע אָדערן. וואָס פון אונזער משפחה איז געוואָרן! צעוואַלגערט אין די גראָזן, אַוועקגעשוואומענע מיט'ן וואַסער. צעטראָגן פון ווינט אין אַלע פיר עקן...

אויך צווישן בלעטער־פאָלק איז באַשערט אַנדערע צו לעבן לענגער, אַנדערע קירצער..

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן וואַנט זייגער. דער קליינער סעקונדניק־ווייזערל איז געלאָפן ווי אַ סוסמאַטיק, און די צוויי ווייזערס זיינען ווי געשלאָפן. אָבער אין זייער שלאָפן איז געווען באַוועגונג און לעבן...

שוין אַ היפּשע ווילע ווי הלל דרייט זיך אַרום אין הויז, און קען זיך צו גאָרניט נעמען. אומעטיק ברומט ער אַ ניגון. דאָס גאַנצע פעלד איז צעשויבערט. און דער ווינט — אין צעוויגעניש אויף די גראָזן, אין די וואַסערן און אויף די בוימער פאַרגייט זיך אויף הויכע אָקטאַוועס... די פרימאָרגנדיקע נעפּלען זיינען זיך צעקראָכן, און די זון האָט זיך באַוויזן.

הלל האָט זיך צוגעזעצט אויפן שוועל. די האַרבסטיקע זון וואַ־

אין וועג

רעמט חיות'דיק. אין געבויגענע ציילן שרייען געגנדז. אַט איז די ערשטע גאַנדז, מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלז און צעשפּרייטע פליגל. זי מוז זיין די פירערין... אויך צווישן עופות זיינען דאָ קליגערע און...

אַפילו די „בת־יחידקה", די קאַץ זיינע, איז אַ קלוג באַשעפעניש... זי טראָגט די בלינדע קעצלאַך איינציקווייז פאַר די קאַלנערס. זי לייגט זיי אויס אויפ'ן גראָז קעגן דער זון. נאָך אַ פּאָר טעג און די קעצלאַך וועלן אַרויסגיין פון זייער בלינדקייט...

גוט וואָס ער האָט אָנגעמוט: אַז די אסיפה זאָל זיין ביי אים אין הויז. דער רב, די בעלי־בתים וועלן זיין זיינע געסט. ער וועט זיך טאָקע שוין אַריבערכאַפּן אין שטעטל, איינקויפן גוטע זאַכן... ער וויל אויך בעטן צירלען, זי זאָל קומען. זי, מיט אירע טיכטיקע, יונגע הענט, וועט שוין וויסן וואָס צו טאָן... ער וויל פראַוועו דעם חנוכת־הבית מיט אַ ברייטער האַנט. מען מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל איינשטאַטן א בית־יתומים. ער וויל אָנשלען זאָגן, ער זאָל ניט זשאַלעווען פאַרבעטן וואָס מער מענשן. מיט אַ סך מענשן קען מען צעפירן די הענט...

פאַר דרך־ארץ וועגן זאָל ריידן דער רב צום ערשטן. אָבער נאָכן רב וויל ער אין פראָסטע געציילטע ווערטער ווייזן די בעלי־בתים די געפאַר וואָס לויערט אויף די אָרעמע יתומים'לאַך...

דער ווינטער קומט אָן. זיי מוזן האָבן א היים, א שוך, א קלייד. אויך לערער אראָפּרענגען, לערנען מיט זיי וועלט־זאַכן...

לאָמיר צעבינדן אונזערע בייטלען....

ער האָט אין דעם קורצן האַרבסטיקן טאָג אי געזען אָנשלען, אי באַשטעלט צירלען אויך איינגעקויפט הערינג, קעזן, לעקאַך. ער איז שוין א תושב אינ'ם שטעטל. וואו ער קומט, רופט מען אים מיט זיין נאָמען...

די אסיפה וועט אים פאַרבינדן נאָך נענטער מיט די אידן דאָ...

ער האָט צונויפגערוקט די טישן, אויסגעשטעלט די שטולן, די

בענקלעך. ניין, ער וועט בעסער צונויפשלאָגן צוויי לאַנגע בענק. מיט די טישטוכער, מיט די לאָמפּן זאָל זיך צירעלע עסק'ן...

א פייפל האָט אים אויפגעוועקט פון זיינע רעיונות... דורכ'ן פענסטער האָט ער דערזען דעם בריוו־טרעגער. דאָס מאָל איז דער בריוו־טרעגער אַריין אין הויז, זיך געגריסט מיט ווירדע.

הלל האָט אים שמייכלענדיק אויפגענומען, געבעטן זיצן.

דער יונגער, הויכער שגץ האָט אַראָפּגענומען דעם לעדערנעם טאַש פון זיינע אַקסלען, אויסגעטאָן דאָס היטל. הלל האָט אים באַלד טראַקטירט מיט בראָנפן און לעקאַך. אויף גיך צעשניטן א הע־רינג. דער שייגעץ האָט אַריינגעקערט עטלאכע גלעזלאַך, צוגע־וואונטשן הלל'ן, אויסעשטרעקט צו אים זיין געזונטע, יונגע האַנט... דערנאָך זיך געגראַבלט אין טאַש, אַרויסגענומען אַ פּאַקעט: אויסגע־שטעמפּלט, אויסגעפּלאַסטערט מיט מאַרקעס...

— דאָס קומט פון דער ווייטער אַמעריקע!...

— יע! יע! — האָט הלל פּאַטאַקעוועט. איך האָב דאָרטן זעקס זין, זאָלן געזונט זיין.

אָבער ער האָט זיך גלייך אָפּגעהאַלטן פון באַרימען... געהאַט מורא פאַר זיינע צו העלע, פינקלענדיקע אויגן... ער האָט גע־געבן דעם שייגעץ לעקאַך, אויך ביר־געלט...

ווען דער שגץ איז אַרויס פון טויער, האָט הלל פּאַרזיכטיק געעפנט דעם פּאַקעט. צווישן געדרוקטע פּאַפּירן אויף דעם פרעמדן לשון האָט ער אויך געפונען אַ קליין בריוועלע פון זיין אינגסטן זון, לייזער דוד:

„ליבער פאָטער! אַזוי גיך ווי דו דערהאַלטסט דעם בריוו, זאָלסטו גאַרניט איבערטראַכטן. זאָלסט זיך אויפזעצן אויפ'ן פור, פון פור אויף דער באַן, און אין וואַרשע וואַרט אויף דיר אַ שליח. פאַר מיט אַ גאַנץ האַרץ. לאָז איבער דאָס הויז מיט'ן פּלאַץ פאַר אָרעמע. ס'איז אַ גרויסע, שיינע וועלט דאָ, אין אמעריקע...״

דאָס בריוול איז הלל'ן אַרויסגעפאַלן פון די הענט. ער האָט

אין וועג

עס אויפגעהויבן, ווידער געלייענט.. געקוקט אויף דער פאָטאָגראַפיע פון דעם שליח: אַ שיינער איד!

— נו, מן הסתם איז אַזוי באַשערט. ווי גאָט פירט, דאַרף זיין גוט...

אַ סך פון זיינע באַקאַנטע זיינען אַוועקגעפאָרן אין דעם נייעם לאַנד.. וועדליק די גרוסן, זיינען זיינע זין אין די פעדערן...

דאָס דערבואוועץ שיקן אַ שליח קאָסט אַ שיינע מטבע... וואָס האָט ער זיך צו אַמפערן?... ווען זיינע קינדער האָבן אים אַליין אַנגעמוט. מן הסתם זיינען זייערע הענט פריי און די קעשענעס ברייט... ער וואָלט זיך געדאַרפט פרייען, דאַנקען גאָט, כאַפּן אַ טענצל איבער די אויפגעשטעלטע טישן...

אַן אומעט האָט אים אָבער אַרומגענומען: דעם ווייטן וועג, וואָס ער דאַרף זיך איצט שלעפּן אויף די עלטערע יאָרן. דער גרויסער ים פול מיט סכנה. און דאָס נייע אומבאַקאַנטע לאַנד.... דאָ איז אים יעדעס גרעזל ליב, אייגן. דאָס טייכל רעדט צו אים דורכ'ן פענסטער.. דער וועג, דער צאָם, די שטוב! אומעטום האָבן זיינע צען פינגער געלאָדעוועט... געמיינט, אַז דאָ איז שוין זיין לעצטע סטאַנציע. —

ניין! אידיש מזל.. אַביסל אָפּגערוט און ווידער געצויגן...

הלל, דו פאָרסט צו דיינע קינדער, וואָס וועלן דיך טראָגן אויף די הענט. זיי וועלן זיך מיט דיר גרויסן. געגנוג געוווינטערט און געזומערט אַליין, ווי אַ שטעקן. שוין צייט צו רוען לעבן אייגענע.. נעם מיט דעם טלית און תפילין, דיין אידיש האַרץ, דיין בטחון...

ניין, נאָך אַזוי פיל יאָרן זיך ניט זען זיינען אפילו אייגענע קינדער אָפּגעפרעמדט פון טאַטן. די שניר און די אייניקלאך קענען אים אַפילו ניט...

אַרויסגענומען דאָס בריוועלע, נאָך אַ מאָל געלייענט: „ליבער פאָטער! — אַזוי גיך ווי דו דערהאַלטסט דאָס בריוול, זאָלסטו גאָר־

ניט איבערטראַכטן. זיך אויפזעצן אויפ'ן פור, פון פור אויף דער באַן און אין וואַרשע וואַרט אויף דיר אַ שליח...״

— אַ גרויסן זומער ביי גאָט האָט ער דאָ אַרומגעהאַבעוועט. אויף דעם שטיקל פּלאַץ זיך געוואָלט אויפבויען אַ נעסט... וויפיל וועגן און שטעגן האָבן זיינע פיס פאַרזוכט!... וויפיל בוידן האָבן זיינע ביינער געטרייסלט. דורך קעלט און היץ איז ער געגאַנגען פאַר זיינע קינדער... איצטער ווילן זיי אָפדינען זייער אַלטן טאַטן... מען טאָר זיך ניט קעגנשטעלן דעם פאַרלאַנג פון זעקס זין...

דאָס קליינע בריוועלע האָט געקראָגן וואָג און כוח. אַ וואַרעמקייט האָט זיך געטראָגן פון בריוול...

צירל האָט זיך באַוויזן מיט איר ליבן, לאַכנדיקן פּנים: היימישקייט און פרייד אין אירע טריט.

— קום אַריין, טאַכטער, געקומען פּונקט אין צייט.

ער האָט איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. אַרויסגערופן מיטן גלעט אַ סך פאַרשעמטקייט אויף איר פּנים און זיין האַרץ האָט געפילט חרטה...

ווי אַ דערוואַקסענע האָט זי געמאַכט פאַראַנדקעס, און הלל האָט, ווי אַ אינגל, זי געפאָלגט: געהאָלפן אויסשפּרייטן סערוועטן אויף די צונויפגעוואַקסענע טישן. אויך געהאָלפן ווישן דאָס געפעס.

ער האָט גע'חלק'ט די טאָרטן און אויסגעלייגט אויף טעלער. די הערינג האָט צירעלע אַרומגעלייגט מיט רעדעלאַך ציבעלעס.

הלל האָט ארויסגענומען אַלע בוטליעס נאַליוועקעס. זאָלן זיי טרינקען, די אידן, און זיך משמח זיין. ער האָט אָנגעצונדן צוויי סטעאַרינאָווע ליכט. צעהאָנגען די בליך־לאָמפּן הויך איבערן טיש.

אַרום די אויסגעסערווירטע טישן האָט, ווי אַ יונגער פויגל, אַרומגעשוועבט צירל...

הלל האָט געעפנט די אַלמערס, אַרויסגענומען די מלבושים פון זיין ערשטער ווייב, וועלכע ער האָט דאָס געהאַלטן אָפּגעהיט און טייער...

אין וועג

ער קען ניט ברענגען די קליידער אין דער ווייטער אמעריקע. די קליידער קענען אויפוועקן צער ביי זיינע קינדער...

— צירעלע! קום אהער א ווילע...

נאך דער ווייכקייט פון הלל'ס קול האט צירל דערפילט אז ער גייט איר געבן א מתנה... שטיל און שעמעודיק איז זי צוגעגאנגען נאענט לעבן הלל'ן...

— זיי וויסן, צירעלע, אז היינט פארטאג פארלאז איך מיין היים. איך לאז זיך אוועק צו מיינע קינדער אין דער ווייטער אמעריקע. פאר דיר, צירעלע, לאז איך איבער אלע קליידער אין ביידע אלמערס...

גרויסע טרערן האבן זיך באוויזן אין די יונגע, דאנקבארע אויגן. זי איז צוגעפאלן מיט איר גליאיקן מויל צו זיין ציטערדיקער האנט...

דער טויער האט געסקריפעט...

— זיי קומען שוין, די אידן, — האט הלל מיט פרייד אין קול געזאגט.

און צירל, א פארפלאמטע, איז אנטקעגן געלאפן עפענען די טיר.

אויפן שוועל האט זיך באוויזן אנשל.

— א גוטער אוונט אייך! קיין עין־הרע, די טישן זיינען געגרייט ווי אויף א חתונה... די היגע בעלי־בתים וועלן שוין ניט באריידן...

—רב אנשל! האט איר כאטש פארבעטן א סך מענטשן?..

— האט ניט קיין פחד, רב הלל! די היגע אידן פוילן זיך ניט צו גיין פאר א שטיקל לעקאך און בראנפן...

דער טויער האט געסקריפעט און אנגעזאגט הלל'ן: עס גייען נאך אידן...

צוויי אידן האבן איבערגעטראטן דעם שוועל מיט דרך־ארץ...

— רב הלל! דאס איז אונזער רב, זאל לעבן — אנשל האט אנגעוויזן אויף א דינעם הויכן אידן מיט א לויטער פנים, איינגע־הילט אין שטילקייט.

חיים פעט

הלל האָט געגעבן שלום דעם רב, דעם שמש, שטיל געזאָגט:
— ברוכים הבאים.

— צירעלע, גיב צווי האַנטוכער... זעצט אייך אַוועק ביים טיש, איך גיין מיטן גאַנצן האַרצן...

דער טויער האָט געסקריפּעט. נייע אידן זיינען געקומען. אויך צירעלע'ס טאַטע איז הכנעה'דיק אַריינגעקומען.

הלל האָט אים געמונטערט: — זעצט אייך גלייך מיט אַלעמען ביים טיש, איך האָב אָנגעגרייט פון כל טוב...

דער לאַנגער צונויפגעוואָקסענער טיש איז געווען אַרומגעזעצט מיט עלטערע און מיטל־יאָריקע אידן. פּסוקים פון חומש, תנ"ך, מדרש, גמרא־ווערטלאַך האָבן זיך געטראָגן אין דער גרויסער שטוב...

דער רב האָט זיך אויפגעשטעלט און דער שמש האָט אים צוגע־טראָגן דאָס קידוש־גלעזל פול מיט וויין. האָט דער רב דאָס גלעזל אַרויפגעשטעלט אויף די פינף אויפגענומענע פינגער פון זיין האַנט, און מיט פאַרמאַכטע אויגן געמאַכט די ברכה: „בורא פּרי הגפן". אַלע אידן האָבן געענטפערט אמן.

דאָס קידוש־גלעזל איז איבערגענטפערט געוואָרן פון איין אידן צום צווייטן און יעדערער האָט טועם געווען אַביסל...

דאָס לעצטע ביסל וויין האָט צירל שעמעוודיק אויסגעטרונקען...

דער רב האָט זי געבענשט, זי זאָל חתונה האָבן מיט אַ למדן...

אַנשל איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַ לויב געטאָן די הערינג... איינער דעם אַנדערן האָט אַריינגעזאָסן נאַליוווקעס. מען האָט געטרונקען לחיים, זיך געוואונשן...

אָבער צירעלע מיט אירע שאַרפע אויגן, האָט אַכטונג געגעבן, וואו ס'איז ליידיק געוואָרן אַ טעלער.

זי האָט די ליידיקע טעלער אַוועקגעראַמט און גלייך געבראַכט פולע מיט טאָרטן. אויך ברויט האָט זי געשניטן אין גלייכע, האַלב־קיילעכדיקע דינע פּעניצן.

אין וועג

הלל איז אויך ניט געשטאַנען ליידיק : צוויי בוטליעס נאַליווקעס שוין אויסגעליידיקט. אַכטונג געגעבן אויף די אידן, וואָס זיינען אָפּגע־שטאַנען... האָט ער זיי געמונטערט. אַליין מיט זיי געטרונקען לחיים....

דאָס צוואווינשעווען, די פריילאַכע רייד, האָבן דאָס הויז אָנגע־פילט מיט אַ זשומען... ווי בינען אויף אַ פעלד פון בלומען...

די שוואַכערע אידן האָבן שוין האַלבע גלעזלאַך ווייַן אויסגעגאָסן אויף די טישטוכער. זיי האָבן שוין געברומט פריילאַכע ניגונים. איין ברעג טיש ביזן צווייטן האָט זיך אָנגעצונדן אין נגינה, און די אידן וואָס האָבן ניט געקענט זינגען, האָבן צוגעפּאַטשט מיט די הענט. מיטאַמאָל זיינען אַלע, איינער נאָך איינעם, אַרויס פון טיש, מיט אַ פּליעסקען, מיט אַ טופּען און מיט געזאַנג האָבן זיי אַרומגערינגלט הלל'ן.

— זאָל מען טאַנצן ! — האָט דער יונגער רב געוועקט, און דער ערשטער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן שמש'ס אַקסל. באַלד האָבן זיך אַלע אויפגענומען און מען איז אַוועק אַ טאַנץ איבער דער גרוי־סער געראַמער שטוב.

— לעבעדיקער ! — האָט אַנשל אויסגעשריען...

די אידן האָבן זיך צענומען אין צוויי מחנות. אַ כיתה קעגן אַ כיתה האָבן זיי געהאָפּקעט.

— אין קאַראַהאָד ! — האָט הלל געמונטערט.

— אידן זאָלן האָבן פּרנסה ! — האָט מרדכי אויסגעשריען...

— ביי אידן זאָל זיין אחדות ! — האָט אַנשל איבערגעשריען.

— אידן !—האָט דער רב אַרויסגעזונגען—מיר האָבן זיך משמח געווען. געפּראַוועט אַ חנוכת־הבית. אָבער די היינטיקע שמחה... דאָ האָט הלל לאַנגזאַם אויפגעהויבן זיין האַנט... אַ סימן, אַז ער וויל עפּעס זאָגן...

— זאָגט עפּעס, רב הלל, זאָגט ! — האָט דער רב אים געלאַדן...

— בקיצור, אידן : מיין הויז אין פעלד שענק איך פאַר די יתומים...

חיים פעט

אין שטוב איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. אַלע האָבן אים אָנגע־קוקט מיט שרעק און וואונדער...

— איך פאָר צו מיינע קינדער אין אַמעריקע. דער אַלטער בוים וויל זיך צוריק פאַרשציפּען מיט זיינע יונגע צווייגן... היט אָפּ די קליינע יתומים, אידן; זאָלן זיי אויסוואַקסן געשטאַרקטע און באַ־שיצטע... — — —

פאַרטאָג איז הלל געזעסן אויף דער פור פאַרטראַכט: וועגן שליח, וועגן די קינדער, וועגן נייעם לאַנד...

און די פור האָט זיך אַלץ ווייטער אָפּגערוקט פון דעם הויז און דעם פעלד...

II

ער איז געפאָרן רוען

ס'איז געווען אין שפּעטן פרימאָרגן און פרי־זומערדיק. די געגנט אַרום, ווי אין בראשית־צייטן: ווילד! בערג איינע אין די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט איינשלינגען. בערג פאַרוואַקסענע מיט ביימער. קוסטעס מיט ווילדע בלומען. פון איין באַרג איז אַ ווילדער וואַסער אַראָפּגעפאַלן מיט קלאָרקייט און קאַלטקייט. און דער וועג, אויף וועלכן שאַפּירע איז געגאַנגען, האָט זיך געדרייט צווישן די בערג, ווי אַ פאַנטאַסטישער באַנד. ניט ווייט פון וועג האָט זיך געזען אַ האָטעל. אויף וויג־שטולן האָבן האַלב־דרעמלענדיק זיך געהוידעט די געסט. שאַפּירע'ן האָט דאָס גיכער אויסגעקוקט ווי אַ שפּיטאָל. ער האָט זיך פאַרנומען אויף אַ צווייטן וועג. ער וועט גיין צו אַ פאַר־מער. ביי אַ פויער וועט ער זיין וואַקאַציע פאַרברענגען אין דער שטיל און אין רו. ער ווייס אַביסל די נאַטור פון די געבירטיקע בערג־מענשן: זיי זיינען געזונטע און אָפּגעשיידטע. זיי פרעגן ניט פון וואַנען דו קומסט, ווער דו ביזט. זיי זאָגן דיר, אַז יעדער טאָג וועט דיר קאָסטן אַזוי פיל און אַזוי פיל... — מילך קענסטו טרינקען גלייך פון דער קו. שלאָפן אין אַ ברייטער בעט. זיך באַדונגען — שטרעקט ער דיר אויס זיין האַנט. מער רעדט ער צו דיר ניט ביז וואַנען דו פאָרסט אַוועק...

פון וויטן האָט זיך געזען אַן אַלטע הילצערנע הויז, שטאַלן. קי האָבן זיך געפּאַשעט. ווען שאַפּירע האָט זיך דערנעענטערט, האָבן זיי אויפגעהויבן די קעפּ און אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. איין קו, וואָס האָט געטראָגן אַ גלאָק אויפן האַלז, האָט אַ שטילן קורצן מוקע געטאָן...

חיים פּעט

שאַפּירע האָט ניט געהאַט קיין טעות: דער שוואַרצער הונט אויפן קייט, די מחנה הינער אַרומגעצאַמט מיט דראָט, די גאַנצע אויפגעראַמטקייט פון דער ערד האָט שאַפּירע'ן צו וויסן געגעבן, אַז דאָ לעבט אַ פאַרמער. דער שוואַרצער הונט האָט אַ בריל געטאָן. פון פאַרמערשן הויז האָט זיך באַוויזן אַ יונגע פרוי מיט אַ גרויסער הילצערנער קאָך־לעפל פון וועלכער אַ דינע פּאַרע האָט זיך געטראָגן.

— וועמען דאַרפסטו? — האָט זי אים שטרענג געפרעגט.

— איך וויל דאָ איינשטיין אַ פּאָר וואָכן. עס געפעלט מיר דאָ דער פּלאַץ.

— דער באַלעבאָס איז אין פעלד. וועסט מוזן צוואַרטן. — כמעט מיט הערשערישע טריט איז זי אַריין צוריק אין שטוב.

ער וועט וואַרטן — אים געפעלט דער פּלאַץ.

אָפּגעטראָטן פון הויז איז געשטאַנען אַ בודקע צו וועלכער שאַפּירע האָט זיך דערנענטערט. די בערג, דאָס שטילקייט און פרעמדקייט האָט אָנגעטריבן אויף אים אַ דינע, צאַרטע אומהיימלאַכ־קייט. ער איז צוגעקומען צו דער בודקע, אַ קליין געשאַלעוועטע הייזל. אין דער הויך איז געהאַנגען אַ מעשענער גלאָק מיט אַ שווערן צינגל. — דער פאַרמער האָט דאָ זיין ערד, זיין הימל, זיינע געזעצן... שאַפּירע האָט געבראָדזיעט דורך קוסטעס, זיינע טריט האָבן לייכט געזונקען אין דער באַגראָזטער פייכטער ערד. אין די אָפּגעצייכנטע טריט זיינען אָנגעלאָפן מוטנע וואַסערן, ווי געוואָלט פאַרהיילן די צעטראָטענע גראָזן.

אויף אַ ליידיקן פּלאַץ האָט שאַפּירע דערזען אַ העמאַק, וואָס איז געהאַנגען ווי אַ בריקל. ער איז צוגעגאַנגען, געטאַפּט די אָנגע־צויגענע שטריק, די מעשענע רינגען. די טונקל־ברוינע געדיכטע לייוונט, און ווי אימיצער האָט אים אַריינגעקוליעט, האָט ער זיך געוויגט אין העמאַק. ער איז געלעגן אויסגעצויגן מיט די הענט אונטערן קאָפּ, און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן געקוקט צום הימל און גע־

ער איז געפאָרן רועו

טראַכט: די בערג זײַנען באַשאַפן געוואָרן צו זײַן די שומרים, אַז די שטילקייט זאָל דאָ הערשן...

צי אים דוכט זיך, צי ס'איז אין דער אמת'ן? אַ קליין שטיינדל איז אויף אים געפאַלן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. האָט ער דערזען אַ מיידל פון אַ יאָר פערצן, וועלכע האָט שוין גענומען איבערגיין אין אַ פרוי. ס'איז געשטאַנען פאַר אים אי אַ קינד, אי אַ דערוואַקסענער מענש, מיט צוויי גרויסע אומעטיקע אויגן. אָבער די אומעטיקע אויגן האָבן געטראָגן אין זיך ראַשיקייט און שיכּרות...

ער האָט זיך, שפּילעוודיק, אַ גלעט געטאָן איר קאָפּ. זי איז אָפּגעטראָטן ווי מיט כּעס:

— איך וועל אויסזאָגן מײַן מאַמע'ן.

— זאָג אויס! — האָט ער געשמייכלט.

זי איז געשטאַנען פון ווײַטן, געקוקט אַלץ אויף אים און ווען ער האָט אָפּגעווענדט זײַן פּנים, האָט זי אויף אים ווידער געוואָרפן שטיינדלאַך. ער האָט אין שפּאַס זיך אַראָפּגעכאַפּט פון העמאַק. זי איז אַנטלאָפן מיט דינע פיס איבער דער סטעזשקע.

ווען שאַפּירע איז צוגעקומען צום הויז, האָט אים באַגעגענט דער פאַרמער: אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, אַ גלײַכער, אַ דינער, אַ דורכגעברענטער פון זון.

— דו ווילסט דאָ שטיין אויף מײַן פאַרם? דער פּרייז איז אַ דאָלאַר אַ טאָג. צאָל מיר אײַן אויף פריער. דו האָסט דאָ אַלע פּריווילעגיעס: רײַט אויף מײַנע פערד, גיי אין וואַלד אויף יאַגד. און איצט קום, ס'איז שוין צײַט צו עסן.

דער הילצערנער טיש איז געווען איבערגעשפּרייט מיט אַ ווײַסן טישטוך. אַ שיסל קאַרטאָפל האָט זיך געריכערט. צעשניטענע קעז אין גראָבע שטיקלאַך, אַ שווערע שטיק געלע פרישע פּוטער מיט וואַסער־טראָפּנס. טעצלאַך סמעטענע. אַ קרוג מילך, נאָך מיט דער שוים.

חיים פעט

— ביי אונז עסט מען אָרים — האָט זיך דער פּאַרמער אָפּגערופן.

ער האָט שטרענג אַ קוק געטאָן אויף דער פּערצן־יעריקער מיידל, וואָס איז געזעסן ביים טיש מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן...

שאַפּירע איז אַוועק צום העמאַק. ער איז געקומען זיך אויסרוען פון שטאָטישן טומל, אָפּצעבינדן זיך פון די זאָרגן פאַר אַ ווײַלע. ער האָט דאָס געפיל ווי אַלץ וואָלט דאָ געווען אײַנגעוויקלט אין סודות; אָט די ווילדע, גרויסע, אָפענע פּאַנאָראַמע איבער וועלכער עס טראָגן זיך שטורעמס, עס קראַכן דונערן, אָט די הויכע בערג, וואו דער הימל ליגט אַ גענידערטער, אַן אָנגעלענטער אויף זייערע שפּיצן, טראָגן אין זיך געהיימעניסן און סודות... און דאָס מאַכט אים אומרואיק. ער ליגט און טראַכט: דער דרויסן איז אָנגעפּילט מיט רוישיקע קושן פון בינען און בלומען. מאָטילען באָדן זיך אין דער דינער לופט. פויגלען שטייען אויף די צווייגן, צופּען זיך די קראַנקע, שוואַכע פעדערן אויס. זיי שאַרפן די שנאָבלען, לאָזן פּאַנאַנדער די פעדערן ווי קליינע פּאַוועס. דאָס פעלד איז אָנגעפּוישט מיט לעבן. אָבער ווער ווייס וואָס פאַר אַ קאַמפּן דאָ קומען פאָר? די אויגן זעען אַ גאַנצקייט, אַן אומגעהויערע שיינקייט.

זיין טראַכטן ווערט איבערגעריסן. דאָס פערצן־יעריקע מיידל האָט זיך דערנעענטערט. עס זעט זיך איר דינער קערפּער דורך די הויכע גראָזן, ווי דורך טוליען. איר יונגער קאָפּ הויבט זיך אַרויס שטאָלץ. איר פּנים אומעטיק. איר גאַנג אומרואיק. ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון העמאַק, איר געגאַנגען אַנטקעגן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אים אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל, וואָס האָט געטראָגן אין זיך ווייטיק און בענקשאַפט.

— איך בין דיר געקומען זאָגן, זאָלסט זיך מער ניט וויגן אין העמאַק.

ער האָט איר געגלעט די הענט ליכט, איידל, ליבלאַך געקוקט אויף איר...

ער איז געפֿאָרן רוען

ס׳איז געווען פֿאַר שאַפּירע׳ן אַן אומרואיקע נאַכט. ער איז געלעגן אין בעט לעבן צוויי אָפֿענע פֿענסטער, וואָס זיינען געווען פֿאַרצויגן מיט דראָטענע נעצן. די לבנה האָט באַלויכטן ווייט די געגנט. די טונקל־בלויע בערג האָבן זיך עפּעס ענגער אַרומגענומען; איבער זייערע שפּיצן האָט פּחד געערוט. אַ שאַרפֿע קילקייט האָט אין צימער געוווינטלט. מאַטילן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן די דראָטן פֿון די פֿענסטער. זיי האָבן זיך אָנגעשלאָגן ווי אַ מחנה בלינדע. ס׳האָט זיך אים ניט געשלאָפֿן. דאָס פּערצן־יעריקע מיידל איז ווי מיט אַ כּישוף אַריין אין זיין האַרץ. די קורצע זומער־נאַכט האָט זיך לאַנג פֿאַר אים געצויגן. פֿאַרטאָג איז ער אַ ווײַלע אַנדרימעלט געוואָרן. ער האָט אין דער קורצער זומער־נאַכט איבערגעטראַכט זיין לעבן אַזש פֿון די ווייטע קינדער־יאָרן. ס׳האָט אים אויסגעוויזן אויבן־אויף איז דאָס לעבן ווי אַ טייך. עס קוקט אויס דער זעלבער וואַסער, אָבער אַז מען גייט מיטן טייך זעט מען ערשט, אַז דאָ כאַפּט דער טייך טיפֿער, דאָ ברייטער, דאָ די ברעגן בערגיקער... ער איז געקומען דאָ רוען!... און ער איז אומרואיק פֿון דער ערשטער מינוט, וואָס זיין פֿוס האָט באַטראָטן דעם ווילדן פּלאַץ. דאָס פּערצן־יעריק מיידל מיט איר טונקעלן פּנים דערמאָנט אים שאַרף אָן דער געשטאַלט פֿון דער פֿרוי וועלכע ער האָט מיטן גאַנצן לעבן געליבט. פּונקט ווי יענע פֿרוי, וואָס איז שוין איבער 15 יאָר פֿאַרשוואונדן, האָט ווי פֿאַרקריצט איר זעלטענע שיינקייט אין דער מיידל.

ער איז אַריין אין ביכער, אין געזעלשאַפֿטלאַכער ארבעט. יענע מענשן פֿון די ביכער זיינען געווען אידעאַלע. זיי האָבן דורכגעטראָגן הייליג זייערע ליידן. אין דעם אָרעמען פֿאַרטומעלטן שטאָטישן לעבן זיינען אים די ביכער פֿון די גרויסע, פֿרייע גייסטער געווען זיין וועלט פֿון רו, פֿון טובלען זיך אין ריינע וואַסערן. ערשט גאָר אויף דער וואַקאַציע זאָל ער ווערן אומרואיק...

ער האָט געצויגן אויף זיך די זאַכן מיט דעם באַשלוס, אַז ער נעמט דעם פּעקל מיט׳ן זעקל און אויס מיט דער פֿאַרם. ער איז אָפּ־

חיים פעט

געוואוינט פון דער שטילקייט — די קייטן בערג ווי פאַרגליווערטע ריזיקע כוואַליעס פון ים מאַכן אים פילן, אַז ער איז אַ קליין אָרעם באַ־שעפעניש...

ער איז אַרויס פון הויז מיט שטילע טריט. דער שוואַרצער הונט האָט אַ בריל געטאָן. ער האָט זיך מיט אים געזעגנט. שאַפּירע האָט זיך אָנגענומען מוט און אים אַ גלעט געטאָן איבער'ן קאָפּ. דער הונט האָט זיך אויפגעהויבן אויףביידע פיס ווי אַ בער און מיט'ן לאַנגען צונג אים אַ קוש געטאָן אין פּנים.

שאַפּירע איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט און איז געבליבן שטיין. פון ווייטן האָט זיך באַוויזן דער פאַרמער רייטנדיק אויף אַ יונגען שוואַרצן פערד ווי סאַמעט. ער איז צוגעריטן צו שאַפּירע'ן, אים באַטראַכט מיט זיינע בלוילאַכע קלאָרע אויגן:

— דו קלייבסט זיך שוין אַהיים? וואָס איילסטו זיך? ניו־יאָרק וועט דיר אַנטלויפן? אפשר באַרייס איך דיך?... צייטנווייז פאַר־בענקט זיך נאָך אַ שטאָטישן מענשן...

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד, האָט אָנגענומען שאַפּירע'ן פאַר די אַקסלען:

— לאָמיר זיך אַביסל דורכפּאָרן אין וואַלד.

— איך קען ניט רייטן, — האָט זיך שאַפּירע צעטומלט אָפּגערופן.

די פריינדלאַכקייט פון דעם איינזאַמען באַרג־מענשן האָט שאַפּי־רע'ן גערירט ביז טרערן. דאָס האַרץ פון אַ מענשן איז ניט אָפּצו־שאַצן.

— וואָס זאָגסטו? — האָט אים דער פאַרמער צוגעטריבן. — האַלט אָקאָרשט צו מיין פערד און דיר וועל איך אַרויספירן אַ רואיקן פערד, וואָס וועט דיך פירן דורך בערג און טאָלן און עס וועט גאָרניט געשען מיט דיר. מיר וועלן זיך דורכפּאָרן אַ פּאָר שעה, וועסטו מיט אַן אַנדער אַפּעטיט עסן. איך פאַרלייד ניט די שטאָטישע מענשן,

ער איז געפֿאָרן רועו

וואָס דזשובן ווי די פֿייגעלאך און שטופּן זיך מיט די דאָלאַרן, ווי זיי וואָלט דאָס געפֿאַלן פֿון הימל. און זיי שטייען נאָך אויף פֿון שלאָף מיט טענות: דער קאָפּ טוט זיי ווײ. ס'איז אַ חידוש דען? אַז די לופֿט איז פֿאַר זיי ווי שנאַפּס... זיי בייסט בייַנאַכט. און אַלץ הערן זיי: ווי די פֿייגל וויינען, ווי די מייז לויפֿן אַרום ס'איז רעכט, אַז די לבֿנה לאָזט זיי ניט שלאָפֿן...

שאַפּירע האָט אים אָנגעקוקט פֿאַרוואונדערט: דוכט זיך אַ רויער פּנים, אַ פֿאַרשלאָסענער. אָבער ווי פֿײַן ער קען זיך אויסדריקן...

אין אַ ווײַלע אַרום איז דער פֿאַרמער צוגעריטן מיט אַ סיווען פֿערד און געהאָלפֿן שאַפּירע'ן אַרויפֿשטײַגן...

— איצט פֿאָר זיך דורך אַביסל, פּרוּף אויס די חיה. דאָס איז אַ פֿײַנע באַשעפֿעניש, געלאַסן און קלוג...

ווען שאַפּירע איז צוריקגעריטן פֿון אַ קורצער פּראָבע, איז אויף זײַן פּנים געווען אײַנגלשע באַגייסטערונג. דער פֿאַרמער האָט אים דערלאַנגט אַ צוויי־רערנדיקע ביקס.

— נו, איצט פֿאָר מיר נאָך. לאָמיר ניט ריידן...

דער שוואַרצער פֿערד פֿון פֿאַרמער איז געגאַנגען קרומלאַך, זיך געבונטעוועט פֿון דעם פֿאַרגילזעטן מויל האָט ווײַסער שוים ווי מור־לינעס געשפּאָרט. ער האָט געפֿייערט מיט די אויגן, געריסן דעם שטילן בערגיקן דרויסן מיט אַ געציקלטן ווילדן הירזשען. ס'האָט גע־קאָכט אין אים דאָס בלוט: זיך אַ יאָג צו טאָן מיט די שטאַרקע, יונגע אָדערדיקע פֿיס, אויפֿצורײַסן די ערד אין זײַלן שטויב. אַ טראָג צו טאָן זײַן בעל־הבית ווי אויף פֿליגל. און שאַפּירע'ס פֿערד איז געווען רואיק, זײַן גאַנג פֿעסט און ריטמיש.

זיי זײַנען אַרײַנגעפֿאָרן צווישן שיטערע בוימער. די בוימער מיט נאָר־וואָס אויסגעוויקלטע בלעטער. פֿאַר שאַרפֿער גרינקייט האָט

חיים פעט

זיי אַזש אין די אויגן געשניטן. די ערד אין וואַלד אַן איבערגעפּויל־טע, אַ קלעפּיקע. די טריט פון די פערד ווי אויף סאַמעט...

דער פאַרמער קוקט אויס אויף זיין שוואַרצן פערד פאַנטאַסטיש. ער האַלט די ביקס אין די הענט און פירט זיינע בלויילאכע אויגן אַרום און אַרום. זיינע אויגן זיינען ניכטערע, קלאָרע, ווייט־זעענדיקע.

פּלוצים האָט דעם פאַרמער'ס פערד זיך אַ ריס געטאָן אויף צוריק. זיך געשטעלט דיבאָם. אויך דער פלאַכער סיווער פערד האָט זיך אַ קאַרטשע געטאָן, האָט אָפּגעטראָטן אַהינטער.

— זעסט, — האָט דער פאַרמער זיך אָפּגערופן, — דאָרטן, לעבן שטיין ?

שאַפּיראָ האָט דערזען אַ גרינע, אַ געררייפּטע שלאַנג, ווי אַ דינע אַנגעבלאָזענע קישקע. דער שאַרפער קאָליר פון דער שלאַנג און די קליינע בייזע אויגעלאַך אירע האָבן געקוקט קלוג און פאַררעטעריש. זי האָט געוואָרפן הין און צוריק צוויי דינע, צעשפּאָלטענע צינגלאַך.

— לאָמיר רייטן צוריק, — האָט זיך דער פאַרמער אָפּגערופן, — אַ שלאַנג נעם איך אַן פאַר ניט קיין גוטן סימן...

זיי האָבן זיך פאַרקירעוועט אויף צוריק. שאַפּירע איז שטילער־הייט געוועזן דאַנקבאַר דעם פאַרמער פאַר'ן רייטן. עפּעס אַ שטילע רו האָט אין אים געפּלייצט. זיי זיינען געריטן און געשוויגן. ווי לאַנג זיי זיינען געריטן האָט ער ניט באַמערקט. איין גאָט ווייס פון וואָס ער האָט געטראַכט, אַזוי זיך רואיק רייטנדיק אויפ'ן פערד דורכ'ן וואַלד. נאָר פּלוצלונג איז זיין טראַכטן איבערגעריסן געוואָרן פון אַ באַקאַנטן בילן...

— דער הונט דערקענט זיין בעל־הבית ! — האָט זיך דער פאַר־מער אָפּגערופן.

— אַ געטרייער חבר, אַ הונט, — האָט שאַפּירע באַמערקט. ביים הויז האָבן די פערד געהירזשעט. און אויפ'ן גאַנעק האָט זיך באַוויזן דאָס פערצן־יעריקע מיידל. געררויטלט, דערשראָקן און פאַר־וואונדערט געקוקט אויף שאַפּירע'ן.

ער איז געפֿאָרן רוען

דער טיש אין קיך איז געווען געדעקט מיט פרישע גרינס. א שיסל אָפּגעשיילטע שטייפֿע אייער, וואָס האָבן אויסגעקוקט פאַררוי־כערט, דורכזיכטיק, בלוילאך ווי פּאָרצעליי. דער פאַרמער האָט צוגע־טראָגן שאַפּירע'ן אַ גלאָז ווייַן. דער ווייַן האָט אויסגעקוקט פון ווייטן שוואַרץ ווי טינט. אָבער ווען שאַפּירע האָט גענומען דאָס גלאָז אין האַנט און דורכגעקוקט דורכ'ן גלאָז, האָט ער דורך דער שאַרפער רויטקייט געזען די בערג, וואָס האָבן אויסגעקוקט פאַנטאַסטיש און מורא'דיק...

די נאַכט אויפ'ן פארם איז צוגעפאַלן פון אַלע ווינקלען. ריזי־קע שאָטנס זיינען געקראָכן פון די שפּיצן בערג. די ליכטיקע לבנה האָט די שאָטנס נאָך שאַרפער געצייכנט. דער טוי האָט אָנגעטרונקען די פאַרם. שאַפּירע איז געזעסן אויפ'ן גאַנעק. ערינערונגען זיינען אין אים אויפגעגאַנגען. זיינע קינדער־יאָרן, וועלכע זיינען שוין גע־ווען האַלב אָפּגעמעקט אין זיין זכרון. די ליבע מיט דער פרוי! שוין פופצן יאָר אַריבער. עס לייכט אויף פאַר אים איר געשטאַלט... דאָס דערמאָנען זיך אָן יענער פרוי האָט אים ווי שאַרפע שטראַלן גע־שטאָכן זיין האַרץ...

ער האָט זיך אויפגעהויבן, געשטאַנען אַ ווײַלע. דערנאָך איז ער אַראָפּ פון גאַנעק און גענומען אַרומגיין אַרום הויז. — אַ הויז אַ פאַרשטילטע, מיט אָפענע פענסטער און טירן. קיינער וואַגט ניט צו קומען שטערן דעם שלאָף. אין דער שטילקייט צווישן בערג שלאָפן מענשן רואיק און שטאַרק. און טאָמער גנב'עט זיך אימציער אויף אַ זייטיק שטעגל, שפּרינגט אויף דער הונט מיט אַ בילעריי. און די ביקס הענגט איבער'ן בעט פון פאַרמער. די טעג ציען זיך. און אין די נעכט קומט צו אים ניט קיין שלאָף. ער שעמט זיך וואָס די יונגע מיידל האָט אים אַריינגעפירט ווי אין אַ טיפן וואַלד פון רעטענישן. דאָס פערצן־יעריקע מיידל האָט אָנגעצונדן זיין האַרץ ווי אַ זון...

פלוצים האָט ער אַ שטאַרקן ציטער געטאָן.. ער האָט דער־זען דעם ליידיקן העמעק ניין! דער העמעק איז ניט ליידיק. ער

חיים פעט

איז אַראָפּגעשווערט. עמעצר איז דאָרט. ווי אַ גייסט וואָלט פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ לעבעדיקן וועזן... מיט שטילע טריט האָט ער זיך דערנענטערט ער האָט דערזען דאָס מיידל אין העמעק. זי איז געלעגן איינגענורעט ווי אַקינד. די שוואַרצע האָר דורכגעפלאָכטן מיט פעלד־קוויטן. די ליפּן אַביסל אָפן. די הענט שטייף אויף די קני, וואו דאָס העלע קליידל האָט זיך פאַרענדיקט. איר בוזעם לייכט אויפגעשפּילעט, שטילע זומער ווינטעלאך האָבן געקענט דאָרט צו־קומען, אַז זיי זאָלן ניט איבעררייסן איר שלאָף. שאַפּירע איז געשטאַנען און קליינע ציטערלאך האָבן זיך געיאָגט איבער זיין קערפּער. און דאָס בלוט אין די אָדערן, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אין אַ געוועט...

פאַרטאָג האָט שאַפּירע שטיל פאַרלאָזן די פאַרם. דער נעבל האָט אים איינגעוויקלט, אָפּגעמעקט ווי אַ בענקנדיקן אויסגעשריי. —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

III

אַ הויז אויפֿן פֿעלד

איך האָב זי געטראָפֿן צוויי אַזייגער בייטאָג אויף איינער פֿון די רווישיקסטע גאַסן אין ניו־יאָרק. איך האָב לאַנג געדריקט אירע הענט.

— וואָס זאָל איך טאָן, נעט? וואָס זאָל איך טאָן? מיין מאַמע שטערט. זי איז גרייט צו טאָן אַלע בייזע זאַכן...

— דיין מאַמע, איז גערעכט, ליבענקע, איך בין מיט אַזוי פֿיל יאָרן עלטער פֿאַר דיר. און מיין ליבע צו דיר איז אַזוי גרויס, אַז איך וויל נאָר גוטס פֿאַר דיר. איך וועל דיך מער ניט טרעפֿן.

— דו פֿאַרשעמסט מיך אַז דו רעדסט אַזוי. איך ווייס ניט, פֿאַרוואָס איך האָב פֿאַרדינט אַזוי פֿיל צערטלאַכקייט פֿון דיר. איך בין זעכצן יאָר אַלט, מען קען זאָגן אַ קינד. און דו ביזט אַ דערפֿאַרענער מענש. איך האָב היינט דערוואָרט, וועסט מיך באַשולדיקן ווי איך בין ווערט. דו האָסט מיך פֿאַרשעמט, האָסט אָנגענומען מיינע פֿיינלאַכע רייד גוטמוטיק, איידל ווי דו ביזט אַלע מאָל.

זי האָט זיך פֿאַרנאַנדערגעוויינט אויפֿ׳ן קול. און איך האָב געגלעט אירע הענט. און די גאַס האָט גערוישט, געלעבט, גע׳יובל׳ט, ווי אַלע מענשן וואָלטן אויף אַ פֿאַראַד געגאַנגען...

אירע לעצטע ווערטער זיינען מיר אין קאָפּ געשטאַנען ווי אַ שיינער חלום וואָס וויל ניט פֿאַרגיין.

איך האָב לאַנג נאָכגעטראַכט, דערינערט אונזער שיינע ליבע און ניט געקענט אַנשלאָפֿן ווערן. מיין בענקשאַפֿט האָט געצויגן ווי אַ ווינט אויף אַ פֿייפֿל. דאָס מיידל איז מיר ניט אַרויס אויף

חיים פעט

אַ מינוט פון מיין זכרון. נעכטן, דוכט מיר, האָט דאָס פּאַסירט: איך בין געגאַנגען אַ מידער פון דער אַרבעט, צוקומענדיק צום הויז אויפ׳ן פעלד, וואו איך האָב געוואוינט, האָב איך באַמערקט אויפ׳ן גאַניק אַ פרעמדע פאַמיליע: אַ פרוי פון אַ יאָר פערציק, אַ געוויקסיקע, אַ קלאָרער פּנים, און מיט קנייטשן אַרום מויל, פול מיט גאַל און סאַרקאַזם. לעבן איר דריי קינדער: אַ אינגל פון אַ יאָר זיבן, אַן אויסגעפּילטער, און אויגן, ווי ער וואָלט זיי דעם ערשטן מאָל געעפנט — אַזויפיל וואונדער אין זיי... אַ מיידל פון אַ יאָר צען, דין, איינגעצערט און רירעוודיק ווי קוועקזילבער. נאָך אַ מיידל פון אַ יאָר פערצן: אַ רונדער געזיכט, ברוינע רויט־לאָכע האָר, אויסגעקלאָרטע הענט, בלויע ליפּן און עס שלאָגט שטאַרק אַן אָדער אויפ׳ן האַלז... געוויס אַ צוריקגעצויגענע, אַ פאַרבאַהאַל־טענע, אַ שעמעדיקע, און עס רעדט פון איר פּנים אַ גוטסקייט און אַ פאַרנונפטיקייט, ווי פון אַ קראַנקען מענשן... נאָך אַ מיידל, ווע־מען איך האָב איצט אַזוי שטאַרק ליב, איז געלעגן אויפ׳ן פעלד. איך האָב לאַנג געקוקט אויף איר פּנים: אַ שמאָלער, אַ לענגלאכער, אַ טונקעלער און פול מיט חן. ליפּן האַלב אָפענע. דער שטערן הויך אַנטפּלעקט און רונדיק. אויגן פייכטע, ברוינע, קרומלאך גע־שניטן. האָר שווארצע, לייכט געקרויזטע, בערגלאך און טאָלן. איך האָב איר געפרעגט צי זי וויל מיט מיר שפּאַצין. זי האָט געקוקט אַ וויילע אויף מיר. — יע, האָט זי געזאָגט.

ביינאַכט בין איך מיט איר אַרויס שפּאַצירן. איר גאַנג שטאָלץ, איר קערפּער שלאַנק. זי איז באַריידעוודיק. זי רעדט שטיל, מיט גלויבן, מיט פייער און מיט אַ סך פריינדשאַפט... זי רעדט אויף ענג־ליש און איך ענטפער איר אין אידיש געציילטע ווערטער איך, דער עלטערער, האָב פאַר איר רעספּעקט...

מיר שפּאַצירן אויף אַ שטילן זייטיקן וועג, שטערן איבער אונז, פייער־פליגן צינדן זיך. זי פרעגט מיך: האָסט אַמאָל ליב געהאָט עמיצן? איך זאָג: ניין. — איך גלויב דיר ניט, דו רעדסט צו

אַ הויז אויפ'ן פעלד

שיין. דערציייל מיר פון דיינע באַגעגענישן... איך זוך אין מיין זכרון איינע פון מיינע שענסטע איבערלעבונגען און איך דערציייל דאָס מיט אַלע דעטאַלן... איך טו אַריין אין מיינע רייד מיין גאַנצן טאַלאַנט, פרומקייט און עקסטאַז... זי שטעלט מיך אָפּ אינמיטן ריידן.
— וויפיל מענשן האָבן דאָס שוין געהערט? איך פאַרשעם זיך שטאַרק, עס ווערט מיר הייס איבער'ן גאַנצן לייב. זי פאַרענטפערט זיך. מיר קומען צו שווייגנדיקע צום גאַניק פון אונזער הויז. אַ ווינטל טומלט אין די בלעטער פון די בוימער. זי שפּאַרט זיך צו אויף דער קאַנאַפּע. און מיר בעט זי זיך זעצן אויף אַ שטול. איך קוק אויף איר: אַ פּנים פון אַ קינד, אַ יונגס, אַ צאַרטס, אַ הייסער פּנים, אַן אָפּענער: און אָט בייט זיך איר פּנים שטרענגער, רייצנדיק וואָך. די אויגן צינדן זיך מיט פאַרלאַנגען פון אַ פרוי אַ פרעכטיקער, וואָס פאַרשטייט און ווייס ווי צו כּישופ'ן. איך קוש מיט גוואַלד אירע הענט...

איך טראַכט: ס'איז שוין באַלד זונטאָג, צען אַזייגער אינדערפרי, פלעג איך איר רופן אויפ'ן טעלעפאָן. איך האָב מורא פאַר דעם קומענדיקן זונטאג... ער וועט זיך ביי מיר ציען ווי אַ יאָר. ניין! ער וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן איך וועל שבת נאַכט טרינקען ביז'ן גרויסן טאָג ווייַן... אפשר וועל איך דעם זונטאָג פאַרשלאָפן... איך וועל דעם זונטאָג מיינע קליידער פאַרשליסן און דעם שליסל וועל איך אַרויסוואַרפן דורכ'ן פענסטער. דעם טעלעפאָן אין מיין צימער וועל איך אָפּרייסן.

אַ בייזער מענש האָט זיך אַריינגעמישט צווישן אונז. דער שלעכטער מענש האָט אַרויסגעריסן פון דעם פאַרכאַפּנדיקן בוך אַ זשמוט מיט בלעטלאך...

און די בלעטלאך זיינען צעפלויגן אויפ'ן ווינט...

מיר זיינען געגאַנגען אין וואַלד. דער שטעג איז אַ שמאָלער, בוימער פון אַלע זייטן, די בלעטלאך ציטערן אויף זיי פון לייכטן

ווינט און זיי שושקן. ס'איז אַ שרייענדיקע שטילקייט, אַ דערטרינ־קעניש אין גרינס. אַ כישוף און אַ מורא איז אַנגעזאַפּט אין אונ־זערע טריט.

מיר האַלטן זיך פאַר די הענט. מיר ריידן ניט. מיר גייען טי־פער אין וואַלד־געהיימניס, אַ וואַלדיקע טונקלקייט. די זון קוקט דורך די פאַרוואַקסענע בוימער און ווילדע גראָזן, ווי דורך גראַ־טעס. דער וואַלד רעדט מיט זיין אומהיימלאַכער שפּראַך...

זי טוליעט זיך צו מיר: — דו ווייסט דעם וועג, נעט? ווי לאַנג וואַוינסטו אין דעם הויז אויפ'ן פעלד?

זי רייסט בלעטלאַך פון די נידעריקע בוימלאַך.

— דאָס וועל איך שיקן מיין פריינדינע אין א בריוו. איך וועל דיך באַקענען מיט איר. זי איז זעכצן יאָר אַלט. אינגער פון מיר מיט צוויי מאָנאַטן. זי איז אַזוי שיין, אַז איך זשאַלעווע איר קושן...

זי האָט איבערגעריסן אירע רייד.

אויף אַ שטיין האָט אַ גרינע יונגע שלענגל געשטרעקט איר שפּיציק קעפּל און געקוקט אויף אונז מיט קלוגע גיפטיקע אויגע־לאַך... זי האָט זיך אָפּגערופן: אַ שלאַנג אין אונזער באַקאַנטשאַפט... און געלאַכט.

אַלע האָבן געשלאָפן אין דעם הויז אויפ'ן פעלד. נאָר איך איינער האָב זיך אַרומגעדרייט אַרום הויז און פאַרקוקט אין דעם פענס־טער וואו מיין מיידל האָט געוואוינט... — ערשט צוויי מאָל ווי איך האָב מיט איר געשפּאַצירט, דעם דריטן טאָג וואָס איך קאָן זי און איז שוין אַזוי אַריין אין מיין בלוט. זי האָט מיך באַהערשט, באַ־וועלטיקט, אַז איך קען זיך גאָרניט אָפּגעבן קיין רעכענונג, פאַר־וואָס? — מיט אַמאָל זי האָט זיך באַוויזן אויפ'ן גאַניק, אַ יונגע, אַ זומערדיקע, אַ פאַרוואונדערטע.

— דו שלאָפסט ניט? — פרעגט זי מיך.

אַ הויז אויפ'ן פעלד

— איך פאָר זען „ניאַגראַ וואַסער פאַלן". מיינער אַ חבר קומט מיך נעמען מיט זיין מאַשין.

— ווען רעכנסטו זיין צוריק?

— אַרום פרייטאָג.

זי האָט לאַנג געהאַלטן מיין האַנט און שטיל געזאָגט:

— איך וועל דיך זען פרייטאָג...

דריי אַזייגער ביינאַכט איז מיין חבר צוגעפאָרן מיט זיין מאַשין. מיר האָבן זיך געדריקט די הענט פאַר פרייד... די מאַשין האָט אַ רויש געטאָן און מיין הויז אויפ'ן פעלד איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

די מאַשין שלינגט דעם וועג. אָט זע איך, ווי אַ ווייסע חיה־לע וויל איבערגיין דעם וועג, די מאַשין צודריקט איר, עס ווערט מיר אומעטיק. זי איז אפשר געגאַנגען זוכן שפייז פאַר אירע קינדער...

די זומערדיקע נאַכט שפירט מען דורך די פענסטער פון מאַשין. מיר זינגען, מיר ריידן, מיר לאַכן שטאַרק אויפ'ן קול. און די מאַשין גייט ווי אַ פייל פון בויגן. און די וועגן זיינען אָנגעסטרויעטע ווי פידלען. די וועגן פאַלן אַריין אין טאָלן און הויבן זיך אויף בערג. און אָט לויפט די מאַשין נאָענט לעבן אַ טייך, דאָס וואַסער שרייט, די לבנה וויגט זיך אין די וואַסערן. מיר פאָרן דורך איינ־געשלאָפענע שטעטלאך, הייזער אויסגעלאָשענע.

ס'האָט זיך באַוויזן אַ קליינע אויפשריפט אויף אַ סלופּ: „ני־אַגראַ וואַסער פאַלן 96 מייל". אַ כישוף'דיקע שריפט... מיר דוכט די ווערטער ברענען... פון מיין פריסטער קינדהייט איז געווען מיין טרוים צו זען „ניאַגראַ וואַסערפאַלן", וואָס איז געווען זעקס טויזנט מייל אַוועק פון מיין היים. די סלופּקעס ווייזן זיך אָפּטער, כמעט שוין אויף אַלע שייד־וועגן 78 מייל, 75 מייל. אָבער גראָד די מי־נוטן ציען זיך לאַנג. און די לאַנדשאַפטן און שטעטלאך פאַרכאַפּן ביט מער. דער גרויסער וואונדער פון די „ניאַגראַ וואַסערפאַלן" באַ־

חיים פּעט

וועלטיקט מיין פאַנטאַזיע: הויכע, ווילדע, שפּיציקע בערג, וואָס שפּאַרן זיך אין הימעל. און פון אַלע בערג יאָגן האַסטיק אַראָפּ שטראָמען; אינמיטן וועג חבר'ן זיי זיך צוזאַמען און זיי צו־שפּריצן זיך צוריק צו די שפּיצן בערג.

איך שרייב אויף מיינע קני אַ בריוו: מיידל מיינע! איך בין ווי אין אַ חלום... איך וועל באַלד, באַלד אַזוי איבערראַשט ווערן... שוין קאַרגע פופציק מייל צו „ניאַגראַ וואַסערפאַלן". עס קלאַפּט אין מיר אַזוי שטאַרק דאָס האַרץ — איך בענק נאָך דיר, ליבנקע, ווי עס בענקט אַ פעלד בוים צו דעם וואַלד...

איך שטיי אַ שטומער און קוק אויף דעם גרויסן וואַסער ספּעק־טאַקל... די אויגן האַלט איך האַלב פאַרמאַכט. עס בלענדט דער טייך מיט צעשפּאַלטענע כוואַליעס. דער טייך אַ פליטקער און ניט זייער קיין ברייטער. טראָגט זיינע אָרעמע וואַסערן האַסטיק און קרעפטיק, ווי אַן אייביקער ווינט וואָלט זיי געטריבן. די וואַסערן שפּרינגען איבער די שפּיציקע שטיינער, וועלכע ליגן מיט נאַסע אַרויסגעהויבענע צודריבלטע רוקנס, דורך דער גאַנצער ברייט פון טייך. וואָס נענטער די וואַסערן קומען צום קעסל־גרוב, אַלץ קאָ־כיקער און כעס'דיקער ווערן זיי, ווי זיי וואָלטן געטריבן געוואָרן פון בייטשן; אָדער ס'איז זייער אייגענער איינגעשפּאַרטער ווילן, וואָס גי־כער זיך אויפצולייזן אין קעסל־גרוב. די וואַסערן יאָגן זיך שנעל זיך צו פאַרניכטן און אויפגיין צוריק אין לייכטע גאַזן און דורכגע־לויכטן ווערן מיט רעגנבויגנס. די וואַסערן קומען אָן צום קעסל־גרוב. זיי שליידערן זיך אַראָפּ פון אַ געוואַלטיקער הויך. זיי דו־נערן און ליאַרמען פון אַלע באַרג־שפּיצן, ברייטע, גרינע, גלאָזיקע גוסן, איבער די מאַסיווע שטיינערנע פּלייצעס. איינציקע טראָפּנס וואַסער האָבן זיך אויפגענומען אין כוואַליעס און שטאַרקע שטראָמען. זיי שטורעמען די שטיינערנע ווענט און ווערן צעשלאָגן, צעשפּריצט אין וואַסער־שטויב.

אַ הויז אויפ'ן פעלד

די זון קוקט אַראָפּ צו דעם וואַסער־געשריי, זי שפּרייט רואיק אירע רעגנבויגנס...

און מענשן פון לענדער שטייען שטומע, פּאַרכטיקע, אַרום דער גרויסער אַרענע „ניאַגראַ וואַסערפאַלן"...

צוויי בריוו אירע האָבן זיך ביי מיר פאַרוואַלגערט, די קאַנ־ווערטן אויפגעריסענע און איבערגעהאַלטן אַ סך מאָל אין מיינע הענט. איך לייען דעם ערשטן בריוו, יעדער וואָרט אירער לעבט פאַר מיר און שיינט. די שריפט איז דראָבנע און געדיכט און אַרויסגעשטויסן פון די ציילן. א יונגער טעמפּעראַמענט, אַ הייסע האַרץ כוואַליעט. — „נעט! איך בין גליקלאַך דיך צו קאָנען. און ס'איז אַ גרויסע פרייד פאַר מיר דיר צו שרייבן. ווען איך שרייב צו דיר, איז אַזוי ווי אַרום מיר וואָלט געשפּילט אַ סימפאָני מוזיק. די בויגעלאַך פּאַפּיר שווינדלען אונטער מיינע הענט. דיינע בריוו זיינען געשפּאַנט, אַז איך בלייב זיצן אַמאָל אַזוי פאַרטראַכט, עס ווערט מיר אַזש אומעטיק פאַר שיינקייט, ווי עס ווערט אומעטיק ווען די זון פאַרגייט... איך האָב מורא פאַר אונזער פריינדשאַפט. איך האָב מורא און איך ווייז. האָסט מיך דערהויבן און באַלויכטן מיין יונגען בלינדן וועג. איך קעמף קעגן מיר, ווי מען קעמפט קעגן א פייער. — איך גיי זיך שפּילן אין פאַרק מיט מיין פריינדין, זי רעדט אָפט וועגן דיר... ענטפער גלייך. שרייב מיר אַ סך, איך בין דאָרשטיק נאָך דיינע בריוו. איך בין דאָרשטיק..."

פרייטאג פרי. די זון שיינט, די גראָזן זיינען הויך און גרין און זיי וויגן זיך פון לייכטן ווינט. די קליינע קינדערלאַך שפּילן זיך אין זאַמד, וואַרפן פּילקעס, זיי לאַכן שטיפעריש און ווילד. די גרעס־סערע קינדער שפּילן זיך אין פערדלאַך, אין מלחמה. זייערע מאַמעס אין לייכטע זומערדיקע קליידער ליגן אויסגעצויגן אויפ'ן גראָז, אי־בער זיי די זון. זיי ריידן זיך איבער איינע מיט דער אנדערער.

חיים פעט

איך זאָג „גוט מאָרגן" מיין מיידל'ס מאַמע. זי ענטפערט מיר מיט אַ שמייכל און קוקט מיך דורך און דורך מיט אירע בלויע סאַרקאַסטישע אויגן... איך רייד מיט איר וועגן זייטיקע זאַכן... און דורך די זייטיקע רייד וויל איך זיך דערוויסן צי מיין מיידל קומט היינט פון שטאָט. זי פרעגט מיך: ביי וואָס אַרבעט איך? וויפיל פאַרדין איך? און ווי לאַנג בין איך דאָ אין לאַנד? און פאַרוואָס לערנט איר ניט קיין ענגליש? שענקט מיר, ס'איז ניט מיין עסק. נאָר איך זע, אַז איר זייט אַן אינטעליגענטער יונגער מאַן. און מיין טאָכטער האָט מיר דערציילט אַז איר זייט אינטערעסאַנט. זי האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן מיט סאַרקאַזם קוקנדיק אויף מיר... — איר הערט, נעט! איר ווילט מיך פאָלגן? האָט ניט קיין עסק מיט מיין טאָכטער, זי איז נאָך אַ קינד...

מען האָט זי גערופן צום טעלעפאָן.

— דאָס רופט מיך מיין טאָכטער, איר ווילט זי באַגעגענען ביים סטאַנציע?

— יע, — האָב איך געזאָגט מיט שטילער פרייד...

איך האָב זי באַגעגענט ביים סטאַנציע. זי האָט מיר דערזען פון ווייט. זי האָט געפּאַכט מיט דער האַנט און געשמייכלט... פרייד און באַגייסטערונג האָבן געשפּילט אויף איר יונגן פּנים. — וואָס מאַכסטו, נעט? מיך געקומען באַגעגענען, ווי שיין. דו פאַרשאַפסט מיר גליק. איך נעם איר טשעמאָדאַנטשיקל און מיר גייען. — דו זעסט אויס שיין, זאָג איך איר, אין דעם נייעם הוט. — יע, דיר געפעלט מיין הוט? וועסט מיך היינט זען אין אַ נייער קלייד. זי וויל עפענען דאָס טשעמאָדאַנטשיקל און מיר ווייזן דאָס קלייד. איך האַלט זי לייכט צו פאַר דער האַנט און איך זאָג: אַז איך וויל זען בעסער דאָס קלייד אויף דיר. — אָ, נעט! זי איז אַזוי ווי אויסגעוואַקסן אויף מיר. מיין מומע האָט דאָס מיר געגעבן אַ מתנה. זי איז מיר זייער גינציק און זי האָט מיך ליב.

אַ הויז אויפ'ן פעלד

איך קען ניט לעבן אָן ליבע... — זי כאַפּט מיך אונטער'ן אָרעם: — דערציייל וואָס האָסטו געזען אין דערוועגנס? דערציייל אין אידיש, איך האָב ליב ווי דו רעדסט.

די קינדערלאַך פון אונזער הויז זיינען אונז געלאָפן אַנטקעגן מיט ווילדע געשרייען — זיי, די קינדערלאַך, יובלען אונזער ליבע...

די דריטע וואָך ווי איך האָב זי ניט געזען. זי גייט מיר ניט אַרויס פון זינען. איך גיי אויף די רוישיקסטע גאַסן פון ניו־יאָרק און קוק אויף יעדן פנים, אפשר וועל איך זי פּלוצים באַגעגענען. איך האָב מורא זי צו באַגעגענען פּלוצים... איך וועל זיך פאַר־לירן... און זי, די רייצנדיקע, די יונגע, וועט שטיין ווי אַ זיגערין און וועט מיך טרייסטן.

שוין די דריטע וואָך ווי איך האָב זי ניט געזען און קיין איינ־געטונקענע פּען פון איר ניט געהאַט. וואו איז זי איצט? איך וויל זי זען כאָטש אין חלום... דער חלום זאָל זיך ציען דריי טעג מיט דריי נעכט. זי וועט מיך נאָך קושן שטאַרקער, ווי אַלע מאָל. איך וועל זי שוין מער ניט אָפּלאָזן. לעבן אָדער שטאַרבן מיט איר.

איך נעם אַרויס איר בילד, וואָס איך טראָג שטענדיק מיט זיך... איך קוק אויף איר פּנים: קינדיש יונג, הייס; פייכטע, קלוגע אויגן. דער שטערן הויך, אַ טרויס אויף אירע ליפּן.

מיידל מיינע! די זיבן־יאָריקע מלחמה, מיינע וואָגלענישן אי־בער לענדער, מיינע שווערע גרויע טעג אין די אַמעריקאַנער שעפּער, האָבן מיך אַזוי ניט צעטרייסלט, ווי דו מיט דיין אָפן קינדיש פּנים... אין דיר האָב איך דערזען מיין מאַמען! מיין היים! מיין יוגנט!

מענשן האָבן זיך גענומען אַרום מיר קלייבן... איך האָב איר בילד פאַרבאַהאַלטן, און געקוקט אויף די מענשן, ווי זיי וואָלטן געווען פאַרבלאָנדזשעטע....

און ווידער דערמאָן איך זיך:

חיים פּעט

דאָס הויז אונזערס שטייט אויפ׳ן פעלד, די נאַכט האָט איר אַרומגענומען ווי מיט רייפן. איך זיץ מיט מיין מיידל ווייט פאַרוקט אויפ׳ן גאַנעק. מיר זיצן שטילע, צוגעטוליעטע. ס׳איז פינסטער, איך זע ניט קלאָר איר פּנים. איך האָב מיין פּנים צוקראַצט פון אירע קאַרעלן אויפ׳ן האַלז...

— קום, איך וועל דיך קושן, נעט, וועט דיר ניט ווי טאָן.

זי קושט מיין פּנים. כ׳וויל זי קושן אין מויל. זי ווערט זיך.

— איך האָב ניט ליב צו קושן די באַקן — זאָג איך — זיי זיינען וועגט, זיי ענטפערן ניט... זי כאַפּט מיך אַרום און קושט מיך אין מויל. אירע ליפּן צוזאַמען מיט מיינע. איך פיל אירע ציין. איר האַרץ קלאַפּט צוזאַמען מיט מיינער. איך קוש איר אין די אויגן און האַלט איר יונגען קאָפּ איינגעקלאַמערט. אירע האָר זיינען צעוואָרפן איבער מיין פּנים.

די נאַכט, דאָס פעלד, דער זומערדיקער הימל און מיר ביידע צוויי לעבעדיקע מאַגנעטן האָבן זיך אויפגעשלאָסן. — מיר זיינען ווי צוויי פויגלען וואָס זיינען געקומען צופליען איינס צום אַנדערן.

ס׳איז אַ כמאַרנער טאָג. עס בעט זיך אויף אַ רעגן. עס וועט אַראָפּפאַלן אַ שטורעם. איך בין שוין צוויי מאָל אַרויס אויפ׳ן גאַנעק, געוואָלט זען מיין מיידל. איך זוך זי אַרום הויז, איך פּרוף לייענען אַ בוך, די ווערטער דרייען זיך אין אַ וויכער... — עס דערנענטערט זיך צו מיר דער מיידל׳ס מאַמע, צאָרן און פאַרדראָס אויף איר פּנים.

— איך וויל מיט אייך ריידן, נעט.

איך קוק אויף איר פאַרווירט און פאַרשעמט.

— וואָס פאַר אַן אינטערעס געפינט איר אין מיין טאָכטער? איר רעדט זי איין און אויף איר ווירקט דאָס אַזוי, אַז זי גייט אַרום ווי אַ צומישטע. האָט מיטלייד מיט מיר. איך בין אַן עלנדע פרוי, אַן אָרימע מיט פיר קינדער אויף מיינע פּלייצעס. מיין מאַן

אַ הויז אויפ'ן פעלד

איז מיר געשטאָרבן. איך בין זייער טאַטע און מאַמע צוזאַמען... איך גלויב, אַז איר פאַרשטייט מיינע רייד און איר וועט זיך באַ־דענקען...

מיין מיידל האָט זיך באַוויזן, אַ בלייכע, אַ חנ'עוודיקע. זי האָט געשמייכלט אי פאַרשעמט, אי גוט...

נאָך איר מאַמע'ס רייד, בין איך געבליבן זיצן אַ גאַנצן טאָג ביי מיר אין צימער.

אין דרויסן האָט זיך שטאַרק פאַרכמאַרעט. שווערע רעגן טראָפּנס האָבן געניגדערט אויף דער ערד. דער רעגן האָט זיך אַלץ פאַרשטאַרקט. איך האָב געקוקט דורך מיין פענסטער אויפ'ן וואַלד, וועלכער האָט געברומט פון ווינט און פון שטאַרקער נאַוועליצע. בליצן האָבן זיך געצונדן מורא'דיקע. און פון די דונערן האָבן גע־ציטערט די ווענט.

איך האָב זיך אויסגעצויגן אויפ'ן בעט, פאַרמאַכט די אויגן און געוואָלט טראַכטן וועגן אַ ווייטע פרעמדע געשעענִיש. אָבער מיין מיידל איז מיר ניט אַרויס פון זינען אויף אַ מינוט. איך בין פאַרליבט צום טויט... וואָס זאָל איך ריידן צו איר? און וואָס זאָל איך טאָן פאַר איר? עס וועט זיין פאַר מיר גרינג אַ באַרג אָפּצורוקן. דער מאַמען אירער וועל איך זאָגן פּראָסט: איך האָב זייער ליב אייער טאָכטער. איר טאָרט ניט שטערן אונזער גליק. ווייל איר זייט איר מאַמע זייט איר מיר אויך נאָענט. גיט מיר אייער האַנט און בענטשט אונז. איך ליב אייער טאָכטער מיט יעדן טראָפּן בלוט...

אין דרויסן האָט געשטורעמט, געוויטערט, הימל און ערד האָבן זיך געוואָלט אויפקומען — הימל און ערד...

דער רעגן האָט זיך איינגעשטילט די זון האָט זיך באַוויזן, זי האָט באַלויכטן אַ שוואַרצן אויסגערעגנטן וואַלקן אַ רעגנבויגן האָט זיך געצייכנט און פאַרנומען אין זיין רונדעקייט אַ האַלבן הימל, אַ רעגנ־בויגן האָט געשפּילט אין הימל מיט זיינע וואונדערלאַכע פאַרבן. און דאָס

חיים פּעט

פעלד אַן אויסגעוואַשנס, האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַלע אירע געוויקסן. אַ שאַרפע גרינקייט איבער די גראָזן. אויף אַלע בלעטער בלישצן טראָפּנס רעגן און אין וואַלד זינגן פייגל און די שפּיצן בוימען ברענען מיט שטיקער זון. דער טאָג קלייבט זיך אין וועג אַריין. עס זעט זיך די לבנה בלאַס אויפ׳ן הימל. די לופט איז ריין און שטאַרק ווי וויין...

די נאַכט וועט באַלד נידערן. זי וועט איינוויקלען אונזער הויז אין אַ שלייער. ביינאַכטיקע געזאַנגען: גרילן אין די גראָזן, זשאַבעס אין דעם טייכל. דער קוקו! אַ קינד וועט וויינען, וועלכע וועט ניט וועלן גיין שלאָפן. עמיצער וועט שפּילן אויף אַ מאַנדאַלינע מעלאָדיעס, די טענער, ציקלענדיקע, וועלן זיך דערטראָגן צו אונז. אויפן גאַנעק וועל איך זיצן מיט מיין מיידל. זי וועט נאָכזינגען שטיל די מעלאָדיע. זי זינגט שטילער ווי דאָס שפּילן, ריינער און טרויעריקער.

אַז איך בין אַרויס אויפ׳ן גאַנעק, האָב איך געטראָפן מיין מיידל טאַנצנדיק אַ קאַראַהאָד מיט אַלע קינדער פונ׳ם הויז...

אַ טאָג היינט ווי אויסגעשפּילט אויף צימבלען. אין די בלומען קוליען זיך בינען ווי קונצנמאַכער. אַ ווינטל שפּילט אויף די שפּיצן גראָזן און קערט די בלעטלאַך פון די בוימער, ווי פישלאַך קערן זיך אין אַ טייך. אַרום הויז ליאַרעמען די קינדער.

איך בעט מיין מיידל צו שפּאַצירן מיט איר אין וואַלד. איר פּנים האָט אויפגעלויכטן: — וואַרט איך וועל באַלד אַרויסקומען. זי איז אַרויסגעקומען מיט איר פערצן יאָריקער שוועסטער. און די מאַמע אירע האָט אונז נאָכגעקוקט מיט זיג פּאַר איר איינפאַל...

אין וואַלד האָבןביידע שוועסטער זיך געשפּילט. און זייער שפּיל איז געווען, ווי איינע פון זיי וואָלט געווען אַ אינגל. אַזויפיל פרייד און ווילדקייט איז געווען אין זייער שפּיל...

אַ הויז אויפ׳ן פעלד

איך האָב זיך מיט ביידע שוועסטער געשפּילט און ביידן גע־קושט.

היינט האָב איך דערהאַלטן פון יענער זייט ים אַ בריוו. מיין גוטע מאַמע שרייבט: זון מיינער, דיין שיינעם בריוו האָב איך גע־לייענט און זיך גוט אָנגעוויינט. און איך נעם זיך דאָס רעכט דיר אויסצו׳מוסר׳ן: פאַרנעם זיך ניט מיט דער זעכצן־יאָריקער מיידל. זי איז נאָך אַ קינד, זאָל זי זיין געזונט ביי איר מאַמען. זוך זיך אויף דיין גלייכן, וואָרים ס׳איז שוין שפּעט... ס׳איז שוין פרייטיק פאַרנאַכט און מ׳דאַרף שוין ליכט־בענשן... יע! מען דאַרף פאָלגן אַמאָל אַ מאַמען. דו האָסט ניט קיין אַנדער אויסוועג ווי חתונה האָבן. וועסט האָבן אַ פריינט אין לעבן. און מיר וועט צוקומען פון דעם געזונט. איך קען דיר גאָרניט אויסשרייבן וויפיל איך לייד פון דעם... אַלע חברים דיינע האָבן שוין צו דריי, פיר קינדערלאַך, זיי פירן אַ לעבן מיט מענטשן גלייך. און דו ביסט אַ נאַוונאַדניק, שטענדיק ביי פרעמדע טישן... ניט אַלעמאָל איז מען יונג! מען פאַרזאַמט! מען האָט חרטה!... מען מוז חתונה האָבן. נעם דאָס אַריין שטאַרק אין זינען. און גאָט זאָל דיר צושיקן דיין אמת׳ע באַשערטע...

ס׳איז שוין נאָענט צו טאָג און מיר זיצן נאָך ביידע. עס זעט מיר אויס, ווי איך מיט איר געפינען זיך בלויז אויף דער וועלט... אַלץ געהערט אונז. אַז מיר ווילן, קענען מיר אויסלעשן די לבנה... זי רעדט? ניין! עס רעדט אַ האַרץ אַ הייסע, אַ חלומ׳דיקע פאַנ־טאַזיע שפּריצט מיט פונקען: — אַזעלכע נעכט וועלן זיך שוין מער ניט אומקערן. איך בין היינטיקן זומער שיכור פון לעבן. נאָר איך ווייס, אַז עפּעס וועט זיך פּלוצים איבעררייסן... זי שטרעקט אירע הענט צו מיר:

— ביסט עלטער און שטאַרקער, קעמף פאַר מיר!

חיים פעט

איך קוק אויפן ים און טראַכט: מיט צען יאָר צוריק האָט מיך אַ קליינע שיף מיטן נאָמען „קראָנלאַנד" געשליידערט צוועלף טעג און נעכט, דורך נעפּלען און שטורעמס, צווישן הימל און וואַסער. אַכצן יאָר בין איך דעמאָלט אַלט געווען. וויפיל כוחות האָט אין מיר געררוישט, וויפיל ליכטיקער גלויבן... אַ קליינע שיף מיטן נאָמען „קראָנלאַנד" האָב איך איבערגעגעבן מיין לעבן, וואָס איז אויסגע־כאָוועט געוואָרן צווישן פעלדער און וועלדער. מיין לעבן, וואָס אַ צערטלעכע מאַמע האָט געגייט פאַר מיר העמדער, אויסגעבעט דאָס בעט. און ווען איך בין געווען קראַנק, האָט זי נעכט געוואַכט איבער מיר. איצט שטיי איך לעבן ים, מיט צען יאָר עלטער, אַן עלנטער, אַ פאַרפרעמדטער. דאָרט ווייט אַהינטער פיר טויזנט מייל ליגט מיין היים... און מיין מאַמע מיט גרויע האָר זיצט אויפן שוועל און קוקט אַריבער צו מיר...

ניין, איך בין ניט עלטער געוואָרן! היינט טרעף איך מיין מיידל לעבן ים... געבענשט זאָלסטו זיין קאַפּיטאַן פון דער שיף „קראָנ־לאַנד" וואָס דו האָסט מיט דיין וואַכעדיק אויג און געטרייער האַנט דערפירט די שיף צום ברעג...

דער ים איז שטיל. די כוואַליעס גייען אין שערענגעס ווי פון גאָלדענע קאַמען. מעוועס שפּרייטן זייערע פליגלען אויף די וואַסער בערגלאַך און ווערן ווי איינגע׳כישופ׳טע געהוידעט אַרויף און אַראָפּ. סיגנאַלן פון שיפן און דאָס רוישן פון ים, און דער הימל, וואָס טרינקט זיך ביי די האָריזאָנטן... — און איך און מיין ליבע מיידל...

זי איז געקומען אָנגעטאָן אין אַ ווייס קלייד. מיר האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר די הענט.

— דו וואַרסט שוין לאַנג? — האָט זי מיר געפרעגט.

— איך וואַרט שוין אויף דיר צען יאָר.

— ס׳איז ניט גענוג צען יאָר!... הונדערט! טויזנט! צען טויזנט, זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן.

אַ הויז אויפ׳ן פעלד

מיר שפּאַצירן אויפן הילצערנעם בריק לעבן ים. מענשן, ווי אויף אַ גרויסן יום טוב. אויף זיי שיינט די זון, אויף זיי בלאָזט דער ווינט פון ים.

איך רוף זיך אָפּ: — ווען די מענשן שעמען זיך ניט, וואָלטן זיי אויפגעהויבן אַלע צוזאַמען אַ געזאַנג. אַלץ זינגט: דער ים, דער ווינט, די מענשלעכע טריט.

— מאָרגן קום איך מיט מיין פריינדינע, זאָלסטו אַזוי שיין ריידן ווי היינט, נעט!... מיר זיינען אַריין אין צוויי באַזונדערע טירן צו איבערטאָן זיך. זי איז אַרויסגעקומען אין אַ דינעם, רויטן באָד־קאָסטיום מיט אַ ברייטער שטרויענער הוט אויפן קאָפּ.

איך בין געבליבן שטיין אַן אַנטציקטער, אַ פאַרטרונקענער און אַ פאַרטראַכטער...

מענשן האָבן געמיניעט ביים ברעג פון ים. עס ברומט פון דער גערעדעריי ווי פאַרן אָנשטעלן אַ גרויסן אָרקעסטער. — איך נעם אַרויס אַ פּאַפּיראָס. זי צינדט די שוועבעלע און לעשט דאָס אויס. זי צינדט אָן אַ צווייטע שוועבעלע נאָענט לעבן מיין מויל און לעשט דאָס ווידער אויס און לאַכט דערביי. זי רייסט אַרויס דעם פּאַפּיראָס פון מויל און צעטרעט אים. זי דערפילט מיין פאַרדרוס... זי ווערט רויט, שטרענג און שווייגנדיק. איך נעם זי צערטלאַך פאַר דער האַנט. זי שפּרינגט אויף און כאַפּט אַרום מיין קאָפּ. מיר פאַלן ביידע איבער אויפן זאַמד. מיר קייקלען זיך, אונזערע הענט זיינען פיר צוזאַמען. אירע אויגן און מויל האָבן אָנגעררט מיין אַקסל. פּלוצלונג שטעלט זי זיך אויף און נעמט לויפן צווישן די מענשן אין זיגזאַג. זי לויפט און קוקט צי איך יאָג זי. זי דערזעט מיך און לאַכט ווילד און קינדיש אַנטציקט. איך כאַפּ זי. אונזערע אָטעמס זיינען קורץ און הייס, אירע אויגן ברענען און זי קוקט אויף מיר דערשראָקן. איך לאָז איין אירע הענט. איבער איר פּנים גייט איבער אַ שמייכל. זי נעמט ווידער

לויפן. און מיט געשריי און יובל זיינען מיר אַריינגעשפּרונגען אין ים...

דער ים איז געוואָרן קאַפּריזנע, ער ברומט און קלאַפּט צום ברעג מיט הויכע וואַלן. איבערן ים באַוועגן זיך בערג און טאָלן, גרינע גוסן מיט ווייסן שוים. צעבראָכענע גרינע שפּיגלען קרישלען זיך. יעדע כוואַליע שרייט באַזונדער, זיי גייען, זיי יאָגן זיך, זיי קומען אָן צום ברעג. און ווען אַ גרויסע, שווערע, גרינע וואַנט פון וואַסער קומט אָן, שטעלט זי אונטער אירע שמאָלע קינדערשע פּלייצעס. זי ווערט פאַרשלונגען, ביז דאָס וואַסער פּלייצט אָפּ אויף צוריק. איר פּנים איז פאַרגאָסן מיט וואַסער, מיט זון, און זי לאַכט מיט תענוג און אייפער... זי וואַרפט זיך אין די כוואַליעס, ווילד, הייס און ניט באַרעכענט. איך כאַפּ זי אָן פאַר די הענט און וואָרן איר... איך רייד מיט כעס און זי לאַכט און לאַכט און לויפט טיפער אין ים. — פּלוצים, איך באַמערק איר פּנים איז פאַרענדערט בלוי־גרין. זי מאַכט מאָדנע מינעס און טונקט זיך אַרויף און אַראָפּ און וויל עפּעס אָנכאַפּן מיט אירע ציטערדיקע פינגער. איך שריי מיט אַלע כוחות, קיינער הערט ניט. אַלץ שרייט, דער ים, די מענטשן... איך שווים אַרום איר און שטויס איר צום ברעג. זי ראַנגלט זיך, איר געדאַנק איז וואַך, זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן די שטריק .

און שפּעטער אויפן ברעג, אַז זי האָט אַ שמייכל געטאָן, האָט זיך גאָט פאַר מיר באַוויזן...

איר מאַמע האָט מיך באַגעגנט. איר שטים האָט געקלונגען אויפגערעגט און ווייטיקדיק : — איר האָט מיר געדאַרפט זאָגן, אַז איר גייט טרעפן מיין טאָכטער אין שטאָט. איך ווענד זיך צו אייך ווי אַ פריינט. זי איז נאָך אַ קינד, מיין טאָכטער, און איר וועג איז איצטער זיך צו לערנען. און צוליב אייער באַקאַנטשאַפט מיט איר, וועט זי דאָס לערנען פאַרנאַכלעסיקן. איך בין איר מאַמע און איך

אַ הויז אויפ'ן פעלד

זע דאָס פאַראויס: ס'איז ניט קיין גלייכע זאַך. איך וועל זיכער שטערן. אַלע שכנים שטראָפן מיך, וואָס פאַר אַ מאַמע זייט איר? ער איז דאָך באַלד צוויי מאָל עלטער... איך מיין אייך ניט באַליידיקן מיט די רייד, זייט מיר מוחל.

זי איז אַוועק — און איך בין לאַנג געבליבן שטיין אויף איין פּלאַץ...

צוויי מאָנאַטן אַז איך האָב זי ניט געזען. איך וואַרט אויף אַ נס... דער נס וועט קומען: איך וועל זי טרעפן פּלוצים. זי וועט ריידן צו מיר און איך וועל שטיין ווי אונטער אַ וואַרעמען רעגן... שוין צוויי מאָנאַטן ווי איך קוק ניט אַריין אין אַ בוך. איך ענטפער קיינעם ניט קיין בריוו. איך טרעף ניט קיין באַקאַנטע. זי האָט מיר ווי מיט אַ שווערד איבערגעשניטן אַלע פעדים... איך בין איצט ווי אויפן ווינט, ווי אין מדבר.

און איך דערמאָן זיך ווידער:

צו מיין מיידל איז געקומען איר פריינדינע, זי הייסט סטעלאַ. זי איז געוואוקסיק. דער פּנים בלוט און מילך. די האָר אויפן קאָפּ ברוינלאַך רויט. אַ שטילער איינגעפּאַסטער קליינער מויל. הענט אויסגערוטע, איידעלע. אויגן גרינלאַכע און פולע. מיר שפּאַצירן צוזאַמען אין וואַלד. מיין מיידל טראָגט אַ בלויען מאַנטל. ער איז צעשפּיליעט, עס זעט זיך אַ ווייסע זיידענע בליוזקע, וועלכע ציטערט פון איר קערפּער. אַ שוואַרץ געפאַלדעוועט קליידל, וואָס פאַלט צו פריינטלאַך...

אונטער אונזערע פיס שרייען די טרוקענע בלעטלאַך. דער אינדיאַנער זומער שפּילט אין וואַלד. די בלעטלאַך פון די בוימער פאַלן ווי אַ גאָלדענער רעגן. די בלעטלאַך דרייען זיך אין דער לופטן, פּאַמעלאַך, גרינג ווי פעדערלאַך, זיי לייגן זיך אויפגעהויפטע איינע

חיים פעט

אויף די אַנדערע. — אוןביידע מיידלאַך קוקן אויס אין וואַלד, ווי צוויי יונגע הירשן...

— וואָס האָט גערעדט מיט דיר מיין מאַמע? זי האָט ניט ליב סטעלאַ'ן. ווּעמען האָט ליב מיין מאַמע? און אַזוי איז מיין באָבע, מיין גאַנצע פאַמיליע. מיר ווּעלן באַזוכן מיין באָבען. זי איז נייגעריק דיך צו זען. זי איז זייער צופרידן וואָס דו האָסט מיר אויסגעלערנט אידיש. מיין בריוול, וואָס איך האָב איר געשריבן אין אידיש, האָט זי געוויזן אַלע מיינע מומעס. און זי זאָגט, אַז זי וועט דעם בריוו איינפאַסן אין אַ ראַם... — דיר, נעט, וועל איך אויך שרייבן אין אידיש. און דו וועסט מיר פאַרריכטן די גרייזן... דו זאָלסט ניט פאַרציען די ווערטער... און דו זאָלסט מיר שרייבן גרויסע בריוו, אַזוי איך זאָל האָבן צו לייענען אויף לייענען. איך געוואוין זיך שוין צו מיטן געדאַנק, אַז איך פאָר אַוועק פון דאָרף — פון דער הויז אויפן פעלד...

מיין מיידל זאָגט מיר:

— מיין באָבע איז נאָענט צו זיבעציק, און זי זעט אויס ווי אַ פרוי פון פופציק. זי איז נאָך גלייך, וויניק גרויע האָר אין קאָפּ. זי איז אַן אויפגעראַמטע, אַ ציכטיקע. זי טראָגט גרויסע אוירינגלאַך, פאַטשערקעס און פינגערלאַך. און זי סטרויעט זיך אין שפיגל, נאָר ווי אַ יונג מיידל... איך מוז זאָגן אויף מיין באָבע'ן: זי פירט זיך ווי אַ דעספּאָט. אַ זון מיט אַ טאָכטער זיינען ביי איר פאַרזעסן געוואָרן. איר קימערט דאָס ניט, זי פאַרוואוינט שיין, גייט אין טעאַ־טער, פאָרט אויף דאַטשעס. ביי איר אין הויז פאַרזאַמלען זיך מיינע מומעס, פריינט, און מען פראַוועט דאָרטן שמחות. און מיין באָבע זיצט אויבנאָן, יום־טוב'דיק אָנגעטאָן און זי שיינט ווי אַ יונגע. וועגן אַלץ ישוב'ט זיך מיט איר מיין מאַמע... און וואָס די באָבע זאָגט, איז ביי איר הייליק. איר וואָרט גילט ווי אַ געזעץ. זאָלסט זיך היטן פאַר

אַ הויז אויפ׳ן פעלד

איר, נעט!... איך אַליין טראָג אויף איר אַ כעס, אָבער אין דער זעלבער צייט ציט מיך צו איר ווי מיט מאַגנעטן...

מיר זיינען אָנגעקומען ביים שוועל פון איר באָבע׳ס הויז.

אין איר באָבע׳ס הויז האָב איך זיך פאַרלאָרן... אַ פולע שטוב מיט פרעמדע מענשן פאַר מיר. און דאָס גערעדעריי און דאָס לאַכן; און די נייגעריקע אויגן וואָס נעמען מיך דורך...

זיי וואַרפן זיך אַרויף מיט קושן און מיין מיידל שטייט ווי צע־טומלט...

— וואָס מאַכט די מאַמע? די קינדער? און ווי לאַנג רעכנט זי נאָך זיצן אין דעם סומנעם דאָרף?

— און וואָס שטייט איר, ווי אַן אָרימאַן אויף אַ חתונה, יונגער־מאַן? — רופט זיך אָפּ איר באָבע — טוט זיך אויס דעם מאַנטל, זעצט זיך אַנידער. מיר זיינען ניט קיין גזלנים. מיין איניקל האָט מיר אַ סך דערציילט וועגן אייך. איך דאַנק אייך וואָס איר האָט איר אויסגעלערנט אידיש. איר בריוול וואָס זי האָט מיר געשריבן אין אידיש. איז זי כאָטש אַ גוטע שילערין?

— זייער אַ פלייסיקע. בעסער ווי דער לערער.

און איך טראַכט ביי מיר, אַז דער קאָמפּלימענט האָט פאַרמי־נערט מיין ווערט ביי איר באָבע׳ן... ווייל זי האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט אירע גרינע אויגן דויערנדיק און קאַלט.

— קום נאָר אַהער, ליב איניקל מיינס, לאָמיר כאָטש דיך אָנקוקן דיין ליכטיק פּנים. די זעלבע! די זעלבע! וואָס עסטו ניט? האָסט נאָך אַלץ פיינט מילך? קלייב זיך אָן כוחות, נאַרעלע, כל־זמן דו ביסט יונג... נו, איצט ווייז וואָס דו קענסט, טראָג אַריין דעם ווייַן. און דאָ אין שאַפע זיינען די קעלישקעס.

מיין מיידל האָט זיך באַוויזן מיט אַ רויטער פלאַש ווייַן.

איר באָבע זיצט אויבנאָן אויף אַ ווייכן ברייטן שטול און אירע

גרינע אויגן רוען ניט. נאָר מער ווי אויף אַלעמען קוקט זי אויף מיר... זי זעט ווי איך פיל זיך פאַרלאָרן צווישן דער שטוב מיט פרויען... חוץ איין מאַנסביל זיצט נאָענט לעבן מיר. אַ אינגעלע פון אַ יאָר צען, אַ געפּאַקטער און אַ שטאַרק אויסגעוואַקסענער. איך האָב שטילערהייט פאַרפירט מיט אים אַ באַקאַנטשאַפט. איך האָב אים געפּאַטשט גרינג איבער זיינע פוכקע הענטלאַך. און ער האָט מיר אויף אַן אַמעריקאַנער אופן אַ קלאַפּ געטאָן אין נאָז. ס'איז מיר אַזש אַרויס טרערן פון די אויגן... איך האָב זיך געמאַכט ניט וויסנדיק. איך האָב זיך נאָך ברייט צעשמייכלט... אָבער זיינע הענטלאַך האָב איך שטאַרק צוגעהאַלטן... און אַלס צוגאָב האָב איך אים געגעבן מיין זייגער...

אין הויז איז אָנגעגאַנגען אַ העפטיקער געשפּרעך. דעם טאָן האָט געגעבן איר באָבע:

— פאַרפאַלן, זאָגט זי, קינדערלאַך, די קאַפּאָטע צו פאַרזעצן און צו זיין רייך. און דו, מיין ליב אייניקל, קלייב זיך אויס אַ רייכן חתן, וועט זיין אַזוי וואויל צו דיר. בין איך ניט גערעכט, יונגערמאַן?

— עס ווענדט זיך וואָס איר רופט רייך? — כאַפּ איך זיך אַרויס מיט אַ וואָרט.

זיי קוקן מיך אַלע אָן ווי אַ ווילדן. נאָר מער ווי אַלע, איר באָבע. שפּאָט און צאָרן אין אירע גרינע אויגן.

מיר האָבן געשפּאַנט האַסטיק צו איר פריינדינע סטעלאַ.

— דו האָסט חרטה וואָס דו האָסט באַזוכט מיין באָבע'ן? איך וויל דערביי ניט זיין וואָס זיי וועלן ריידן וועגן אונז. איך קען זיי אַלעמען ווי מיינע פינף פינגער... זאָלן זיי ריידן. איך האָב מיין לעבן און איך וועל טאָן וואָס איך וועל וועלן. אָבער אַ סוד וועל איך דיר זאָגן, נעט, אַז אַלע פרויען ציט צו רייכקייט...

— איך האָב ניט קיין חרטה, וואָס איך האָב באַזוכט דיין באָבע'ן. איך האָב ניט קיין חרטה וואו איך גיי מיט דיר. עס איז מיר גוט,

אַ הויז אויפ'ן פעלד

וועז דיין אַקסל איז לעבן מיין אַקסל. דו האָסט מיין לעבן אָנגעגאָסן ווי אַ בעכער וויין. איך האָב געשריבן מיין מאַמען וועגן דיר. אַכט בויגן פּאַפּיר, האָב איך אָוועקגעשילדערט...

סטעלאַ'ס מוטער האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן דער אַלטער היים, וועמען האָב איך דאָרטן איבערגעלאָזן?

— עלטערן, זאָג איך, אַ שוועסטערל און אַ ברודער.

— אַך, אַך, אַ מאַמע! אַ טאַטע! אויסגעהאָדעוועט קינדער, ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן. איצטער זיינען זיי צעפלויגן ווי די פויגלען. מיך אַליין, ווי איר זעט מיך, איך בין שוין אַ צייט מיט יאָרן דאָ אין דעם גאָלדענעם לאַנד... הינטער מיר איז שוין פאַר־ברענט אַלע בריקן. און איך האָב נאָך ניט פאַרגעסן מיין אַלטע היים... איר מיינט, אַז איך האָב דאָרט עמיצן? קיינעם ניט!... קיינעם ניט!... נאָר מיר דוכט, אַז יעדעס שטיינדל דאָרט איז מיר אַ פריינט. איך זע אַלע טייכלאַך, אַלע וועגן, וואו איך האָב יונגערהייט אַרומ־געהוליעט. איך זע אַלץ קלאָר פאַר מיינע אויגן, ווי איך וואָלט דאָרט געשטאַנען. איך בין מקנא דעם יונגוואַרג וועלכע זיינען געבאָרן גע־וואָרן אין אַמעריקע. זיי ווייסן ניט פון דער קראַנקהייט, די אַלטע היים... מיר, די אַריבערגעקומענע, זיינען ווי איבערגעפלאַנצטע בוימער...

שפּעט ביינאַכט זיינען מיר אַרויסגעפאָרן פון סטעלאַ'ס הויז. מיין פריינט האָט געטריבן די מאַשין דורך אַ נעץ פון גאַסן.

***

אַז מיר זיינען אָנגעקומען צו אונזער הויז אויפן פעלד, איז שוין געווען באַלד טאָג. צוויי פענסטער האָבן געלויכטן וואו מיין מיידל האָט געוואוינט.

— מיין מאַמע איז אַנטשלאָפן געוואָרן וואַרטנדיק אויף מיר.

חיים פעט

— אַלע מאַמעס וואַרטן אויף זייערע קינדער — רופט זיך אָפּ מיין פריינט.

איך באַמערק, אַז אין אַ שלאָפנדיקער הויז אויפן פעלד גיט פייער צו אַ באַזונדערע אומהיימלאַכקייט.

מיין פריינט שלאָגט מיר איבער: — איך קלייב זיך מאַכן אַ ווייטע רייזע מיט מיין מאַשין. דו ווילסט מיטפאָרן, נעט?

— ווען מיין מאַמע לאָזט מיר, פאָרט איך אויך מיט, כאָטש דו האָסט מיך ניט איינגעלאַדן — ווענדט זי זיך צו מיין פריינט.

— רייזעס איז נאָר גוט מיט מענער — ענטפערט מיין פריינט.

— דאָס וואַנדערן און נייע וועגן צו זוכן איז געגעבן געוואָרן פאַרן מאַן... ערשט נאָכדעם קומט די פרוי. זי מאַכט אַ היים, אַן אָפּרו־פלאַץ, אַ ברונים און אַ גאָרטן...

איך האָב זיך גענומען גרייטן צום וועג. מיט מיין פאַקן זיך האָב איך געפילט אַ שאַרפן אומעט. איך וועל שוין זי מער ניט זען אין דאָרף. דאָס הויז אויפן פעלד וועט שטיין אַ פאַרשנייטע, מיט פאַר־מאַכטע טירן און פענסטער.

אין דעם צימער וואו מיין מיידל האָט געוואוינט האָט זיך גערודערט.

איר מאַמע האָט מיך אָנגעזאָגט: — גוט וואָס איר זייט דאָ, נעט. איך וויל אייך בעטן אַ געפעליקייט צו העלפן פאַרפאַקן מיינע זאַכן.

די געפעק זיינען שוין געשטאַנען אָנגעלאָדענע, איינגעפרעסטע ביי די ווענט. די טיר פון צימער איז געשטאַנען אָפן. אַ הפקר׳דיקייט און פאַרלאָזנקייט האָבן שוין געוועלטיקט אין דעם הויז... דאָס אינגל און דאָס מיידל האָבן זיך געשייערט אַרום מיר ווי קעצעלאַך. און די פערצן־יאָריקע שוועסטער איז געזעסן איבער אַ בוך, אַ פאַר־רויטיקטע מיט טרוימענדיקע אויגן. זי האָט געקוקט אויף מיר מיט דאַנקבאַרקייט און גוטסקייט. איר איידעלער שווייגן האָט גערעדט

אַ הויז אויפ'ן פעלד

מיט אַ סך וואַרעמקייט און גינציקייט... זי איז אונז מקנא וואָס מיר אַרבעטן און איר איז פאַרוועהרט... ווייל איר יונגע האַרץ איז אָנגעגריפן, ווייל זי איז אַ קראַנקע...

— אַ פרוי זאָל גאָרניט געבאָרן ווערן!... נעמט אפילו אַזאַ קלייניקייט, ווי איינפּאַקן די זאַכן. ביי מיר מיט די קינדער וואָלט דאָס גענומען אַ וואָך צייט. וואָס טויג מיין לעבן, נעט! אַז איך בין פאַרבונדן מיט פיר קינדער, אַז איך בין אַ פאַר'משפט'ע... קוקט ניט וואָס איך האָב שוין מער גרויע האָר ווי מיין מאַמע זאָל מיר לעבן. זי זאָגט, די וועלט איז אויך ניט קיין קליין שטעטל... פאַרגעסט ניט, אַז איך בין אַ יונגע פרוי. מיין עלטסטע טאָכטער איז ערשט זעכצן יאָר אַלט. אַך, מיין טאָכטער, מיין טאָכטער!... ביי איר איז רעכט, אַז די מאַמע אירע זאָל נאָר קאָכן און וואַשן. און פאַר איר דאַרף זיין אָנגעגרייט אַלעס פאַרטיקע. וואו זאָל איך דאָס נעמען, גאָט אין הימל. די עטלאַכע טאָלער וואָס מיין גאָטזעליקער מאַן האָט מיר איבערגעלאָזן האָב איך שוין באַלד צע'פּטר'ט קאַרגנדיק. וואָס וועט דערנאָכדעם זיין? און דאָ איז מיר אַלס צוגאָב די אינגערע טאָכטער קראַנק. אַ שוואַכע האַרץ. אַז איך לעב שטעל איך אונטער מיינע פּלייצעס. איך פּילנעווע זי, איך פאַרגיס, איך פאַרהיט איר. זי איז אַזאַ איידעלע און טייערע קינד... זי, די עלטערע, איז שלעכט. נאָר פאַר זיך... נאָר פאַר זיך...

ווען איך דערצייל אייך, וואָס איך האָב שוין פון די פיר קינדער אויסגעשטאַנען, מגילות צו פאַרשרייבן.. אָבער מער פון אַלעמען לייד איך פון דער עלטערער... זי האָט אַ שרעקלאַכן כעס. אַז זי ווערט אויפגעבראַכט, שלאָגט זי די קינדער, זי צעברעכט, וואָס זי כאַפּט אונטער די הענט... איין זאַך מוז איך צוגעבן אַז זי האָט אַ שאַרפן קאָפּ...

נעט! איר דאַרפט אַריינגיין אין מיין לאַגע. ס'איז ניט קיין תכלית פאַר אייך ביידן... איר זייט צוויי באַזונדערע מענשן... און

חיים פּעט

פֿאַרגעסט ניט, זי איז נאָך אַ קינד אונטער דער מאַמע׳ס פֿאַרטוך... זאָל זי אויסשטודירן... כל זמן מען איז יונג דאַרף מען זיך אָנגרייטן מיט כוחות, וויסן און אפילו מיט געלט. ווייל שפּעטער קומען שווע־רע, גרויע, איינזאַמע יאָרן...

שיינקט מיר, נעט, וואָס איך רעד צו אייך אַזוי. גלויבט מיר, איך האָב וועגן אייך די בעסטע מיינונג. איר קענט פֿרעגן מיין טאָכ־טער, וואָס איך רעד פֿון אייך הינטער די אויגן... איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זען אייך אַ גאַנץ זומער... איר האָט זיך פיין אויפֿגעפֿירט, איידל און שטיל... איך זע, איר האָט אַ יאָך אויף זיך, אַלע טאָג צו דער אַרבעט. און נאָך דער אַרבעט זיצט איר קיינ־מאָל ניט ליידיק... איך אויף אייער פּלאַץ וואָלט געפּאָרן זען די וועלט... און ניט זיך פֿאַרדרייען אַ קאָפּ מיט מיין טאָכטער. זי וועט אייך אַראָפּשלאָגן פֿונם גלייכן וועג... איר וועט זיין פֿאַרפֿאַלן פֿון ביידע וועלטן... איך רעד צו אייך פֿון האַרצן און דעם אמת...

איך קלייב זיך שוין אַרויס פֿון דאַנען. אין שטאָט פּאַנגעט זיך אָן פּאַר מיר אַ שווער לעבן. די קינדער גייען אַוועק אין די שולן. מען דאַרף וואַשן פֿאַר זיי, פּרעסן, אַלע טאָג ווי אין טאַטשקעס... און איך דאַרף אַזוי נויטיק רו. איך בין קראַנק, צעבראָכן. נעט! איך בעט אייך מיט מיין גאַנצן האַרצן, אַז איר זאָלט אונז באַזוכן, אָבער אויף דעם אופן: אַז איר זאָלט מיר געבן אייער וואָרט, אַז צו מיין טאָכטער זאָלט איר בלויז זיין אַ פֿריינט... איר וועט מיר אַמאָל דאַנקען און איר וועט איינזען אַז איך בין געווען גערעכט...

אירע רייד האָבן מיר אויפֿגעבראַכט:

— איר זייט גערעכט. זי איז אייער קינד. איר העלפֿט איר אויסטרעטן אַ וועג אין לעבן. און זי נויטיקט זיך אין אייער פֿריינט־שאַפֿט און באַשיצונג. אַ זומער לאַנג האָב איך זיך צוגעקוקט, ווי פֿרעמד און כמעט פֿיינטלאָך איר לעבט צווישן זיך... עס קומט דער־פֿאַר, וואָס דער גורל האָט אייך געשטראָפֿט, וואָס איר דאַרפֿט זיין אַ פֿאָטער און אַ מוטער צוזאַמען... דער גאַנצער יאָך איז אויף אייך.

אַ הויז אויפ'ן פעלד

דעריבער זייט איר אַזוי פאַרביטערט... אָבער דאָס וואָס איר זייט קעגן מיר, פאַרשטיי איך... איך בין אַ סך עלטער פון אייער טאָכטער, אָרים, ניט שיין. איר קוקט אויף מיר ניכטער, און איר זשאַלעוועט ניט וואַרפן אַ שטיין אין קרישטאָלענעם פענסטער... איך האָב אייער טאָכטער זייער ליב!... ווי אַזוי קען איך אַרויסרייסן דאָס געפיל פון מיר, ווי אַזוי??? מיט אייער שטערן אונז, לייגט איר אונטער קוילן צו דעם גרויסן פייער...

איך בין געזעסן אין מיין צימער און נאָכגעטראַכט, וואָס איך האָב גערעדט מיט איר מאַמען. איך האָב שטאַרק חרטה געהאַט. אַ געפלאָגטע, אַ פאַרצאָגטע פרוי און איך האָב גערעדט גראָב און נאַריש צו איר. איך האָב זיך ניט געקענט העלפן... זי האָט מיך אַרויסגעפירט פון געדולד. זי האָט זיך מיר אַוועקגעשטעלט ווי אַן אייזערנע וואַנט... דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב דערפילט צו איר אַזאַ רחמנות. איך בין גרייט געווען אָנצונעמען די האַנט פון איר מוטער און זי איבערבעטן... היינט איז דער געווינשטער טאָג, איך זאָל זי איבערבעטן. דריי אַזייגער ביינאַכט פאָר איך אַוועק מיט מיין פריינט אויף אַ לאַנגער ווייטער רייזע איבער אַמעריקע. די רייזע וועט מיר אפשר לינדערן און מאַכן פאַרגעסן דעם וואונ-דערלאַכן געשטאַלט פון מיין מיידל. מיידל מיינע! וויפיל גליק און איבעררעשונג האָסטו אַריינגעטראָגן אין מיין איינזאַמען לעבן. הייליק און טראַציק וועט דיין נאָמען און געשטאַלט אין מיין זכרון שיינען...

מען האָט אָנגעקלאפט אין מיין טיר... איך בין איבעררעשט. מיין מיידל שטייט אַנטקעגן מיר אין אַ שוואַרצער זיידענער קלייד, אָנגעצויגענע האַנטשן אויף די הענט. אַ ברייטן נייעם הוט מיט ברייטע ראַנדן.

— איך בין געקומען מיט דיר זיך קריגן נאָך דיינע רייד מיט דער מאַמען... זי איז אַ גאַנצן טאָג אין בעט מיט אַ פאַרבונדענעם

קאָפּ. זי רעדט ניט צו מיר. איך רייס זיך אַרום מיט מיין מאַמען; אָבער טאָמער רעדט זי ניט צו מיר, גיי איך אויס פאַר בענקשאַפט... זי קען גיין אין פייער פאַר אַ קינד. זי קען אָבער אויך פאַרברענען, ווען דו שטעלסט זיך איר אַנטקעגן. זי איז אַ מאָדנע פרוי...

מיר זיינען אַרויס שפּאַצירן אָרעם אין אָרעם. די מאַמע אירע האָט אונז נאָכגעקוקט מיט טרויער און צאָרן...

— מיר דוכט, נעט, אַז היינט איז דער שענסטער טאָג אויף דער וועלט... ווי מאָדנע גיך ס'זיינען איבערגעלאָפן די מאָנאַטן, די וואָכן, די טעג... איך האָב דורכגעלעבט אַ וואונדערלאכן זומער... דו האָסט געמאַכט אַ סך אַנטדעקונגען אין מיין לעבן. איך וועל דיך ניט פאַרגעסן קיינמאָל. אפילו אונז זאָל אויסקומען זיין צעשיידט. דיינע ווירדיקע אמת'ע רייד און דיין טיפע פריינטשאַפט צו מיר וועט מיר דורך אַלע מיינע טעג באַגלייטן... איך האָב קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז איך זאָל דיך אַזוי ליב קריגן. מיין אינטערעס צו דיר איז טיפער און טיפער געוואָרן. דו האָסט זיך אַרום מיר אַרומגעוועבט... איך האָב דערפילט דיין פריינטשאַפט, דיין גוטסקייט צו מיר איז אָן אַ ברעג. איך האָב דיך ליב.

— האָסט צו מיר קיינמאָל אַזוי ניט גערעדט ווי היינט... איך בין גליקלאך. אָבער איך וועל דיר זאָגן: אונזער ליבע איז אויסגעגאַנגען און האָט זיך היינט פאַרענדיקט... דאָס האָב איך דערפילט נאָך דיינע נאָענטע רייד צו מיר... און נאָך דיין אָנטאָן זיך אַזוי יום־טוב'דיק... איך פאָר היינט אַוועק. איך וועל זיך אַביסל צעשטרייען פון די נייע בילדער וואָס איך וועל זען. און דו, ליבענקע, וועסט זיך באַפרייען... דו ביסט צו יונג. דו וואָלסט ניט געקענט דורכטראָגן די קאַמפן, וואָס דיר וואָלט פאָרגעשטאַנען מיט מיר. דו ביסט ניט בכוח דורכצוטראָגן די אחריות זיך אָפּצוזאָגן פון דער מאַמען און מיר אויסשטרעקן דיינע הענט... דו שרעקסט זיך, דו פיי־

אַ הויז אויפ'ן פּעלד

ניקסט זיך אין צווייפלען... מיין וועג אָן דיר וועט איצט זיין אַ בלודנער...

זי האָט געשוויגן און געוויינט...

דריי אַזייגער ביינאַכט בין איך געשטאַנען אַ פול באַלאָדענער אויפן גאַנעק. איך האָב דערוואַרט מיין פריינט מיט דער מאַשין. איך האָב געקוקט אויף די פאַרלאָשענע שויבן וואו מיין מיידל איז געשלאָפן. זיי האָבן ווי פאַרהילט און אָפגעצאַמט מיין גליק... איך האָב זיך געזעגנט מיט יעדן בוים... מיט די שטעגן וועלכע זיינען פאַרפאַלן געוואָרן אויף די נאַכטיקע פעלדער... מיין הויז אויפן פעלד! וויפיל ליבעס האָבן זיך אין דיינע ווענט אָפגעשפּיגלט?... וויפיל גליק און ליידן האָט אונטער דיין דאַך געהויערט? וויפיל לידער און טענץ האָבן דאָ אָפגעקלונגען? איינציקווייז האָבן דיך דיינע איינוואוינער פאַרלאָזן... אומיין ליבע מיידל וועט זיין די לעצטע אַריבערצוטרעטן דיין שוועל... דיינע טירן וועט מען פאַר־האַקן מיט ברעטער, די פענסטער פאַרשלאָגן מיט טשוועקעס. פון דיין קוימען וועט קיין רויך ניט גיין. אַ סאָווע וועט דאָרט קלאָגן אין די קאַלטע לאַנגע נעכט. פוקסן וועלן אַרום דיר אַרומטאַנצן, ווי אויף אַ ווילדער חתונה... זאַווערוכעס, ווילדע ווינטען וועלן רייסן די שינדלען פון דיין דאַך...

מיין הויז אויפן פעלד! איך פאַרלאָז דיך. דאָ איז מיין גרויסע ליבע אויפגעגאַנגען און דאָ האָט זי פאַרגליט...